STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08635

ALTERS YUNGNT-YORN

Leib Malach

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מלאך

אלטערס יוגנט־יאָרן

ארויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"
וואַרשע 1934

Printed in Poland

L. MALOCH — „ALTERS KINDER-JORN"

Nakładem tyg. „Literarisze Bleter"
Warszawa, druk. „Wir"

y 560 c.1

די שרפה

ס'האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז אַלטער, האָט נישט געהייסן „אַלטער" אַז דאָס איז נאָר געווען אַ צונאָמען און אין דער אמתן האָט ער געהייסן גרשון. „אַלטער" האָט אים דאָס ערשטע מאָל אָנגערופן זיין מומעס יונגל חיים. ס'קאָן זיין, אַז חיים האָט אויך נישט געוווּסט פאַרוואָס, נאָר ס'איז אים אַזוי געפעלן. אפשר דערפאַר, ווייל גרשון האָט נישט געשפּילט אין „פּאַלעט", נישט געשפּרונגען איבער פּלויטן, זיך נישט אָפּגע־געריסן דאָס לייב און לעבן, און אַפילו פּסח־צייט, איז ער בלויז געשטאַנען לעבן „גריבל", וואָס אונטער דער שול, און זיך צוגעקוקט, ווי אַנדערע קינדער שפּילן פאַרפלאַמט אין ניס...

איינמאָל, ווען חיים האָט געפירט די „קאָמאַנדע" מיט חברה יונגען און געשפּילט „וואָלף און שעפּס" און דערזען, ווי גרשון שטייט איינגעהויקערט און קוקט זיך צו מיט אַן אָפן מויל, ווי די יונגען דרייען זיך ווי אַ שלאַנג, האָט ער אים אַ רוף־געטון, ער זאָל זיך אָנכאַפּן אין עמיצנס פּאָלעס און זיך מיטשפּילן. ווען גרשון האָט זיך אונטערווייליכץ צוגעשפּאַרט צו אַן אויסגעקאַלעכטע ווייסע וואַנט, האָט חיים פון דער שורה אַרויס אַ געשריי געטון: „אַלטער"! און דער לוסטיקער עולם חדר־יינגלעך האָט דאָס אונטערגעכאַפּט מיט אַ געלעכטער. צום מאָרגנס האָט מען אים שוין אַזוי גערופן אין חדר. און מיט אַ וואָך שפּעטער האָט דער מלמד אים אויך אַזוי גערופן, און שפּעטער דער פעטער מיט דער מומע. און אַזוי ביסלעכווייז

איז זיין נאָמען גרשון אויסגעמעקט געוואָרן, און אָנשטאָט דעם איז אויפגעקומען „אַלטער” ביז ער אַליין האָט זיך אָפּגעוואוינט, און געבליבן ביי זיין נייעם נאָמען.

אַלטער האָט געוואוינט ביי זיין מומע גנענדעלע. די דאָזיקע מומע האָט אים גענומען צו זיך נאָכדעם, ווי מען האָט אים געהאַט אַרומגעטראָגן איבער אַ סאַך הייזער אין שטעטל, און אין יעדן הויז האָט מען אים געגעבן אַ פּאָר לעפעלעך וואַרים וואַסער מיט אַ שטיקל צוקער צו זייגן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער איז אַלט געווען פערצן טעג און איז געווען שטיל, אַז עס האָט אויסגעזען, ער וועט אַזוי שטיל פאַרמאַכן זיינע אייגעלעך, ווי זיין מאַמע האָט עס געטון צוויי טעג נאָכדעם ווי ער איז געבוירן געוואָרן.

און ווייל די גוטע ווייבער, זיין מאַמעס חברטאָרינס, האָבן דאָס „פּיצל” מורא געהאַט ביי זיך צו האַלטן, האָט סוף כל סוף די מומע גנענדעלע אים גענומען צו זיך און די ווייבער האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז ווי לאַנג עס וועט זיך אַזוי פאַרציען, אַזוי לאַנג וועט מען צווישן זיך צונויפמאַכן צוויי גילדן אַ וואָך און עס וועט זיין צו באַצאָלן אַן אַם...

און פונדעסטוועגן איז גרשונדל אויסגעוואַקסן אָן אַן אַם. די צוויי גילדן אַ וואָך זענען דער מומע גנענדעלע גוט צונוץ געקומען, און מען קען נישט זאָגן, אַז חיים'ן איר אייגן יינגל, איז עפּעס אָפּגעקומען פון דעם, וואָס איינמאָל אין טאָג האָט זי, די מאַמע זיינע אַ ביסל מילך אַוועקגעגעבן דעם יתום. חיים האָט איצט טאַקי אַ פּאָר רויטע באַקן, וואָס אויף די קין-ביינער שטייט אַ צעברענטער גלאַנץ, אַרום דעם מויל איז די גאָמבע אויסגעקיילעכדיקט און פעט.

גרשון אָבער איז מאָגער. און עפּעס ווי אונטער דער הויט וואָלט געווען איינגעשפּריצט סאַדזעס, אַזוי קוקט פון איר אַרויס אַ טונקלקייט; דערצו איז ער תמיד פאַרטראַכט, געפרוירן און טוליעצט זיך אַפילו צו אַ טיר פון אַ הויז.

נאָר אויפגעצויגן האָט ער זיך פאַרט. ער איז שוין איצט אַלט זיבן יאָר. ער טראָגט אַ קאַפּאָטעלע, וואָס איז אונטערגע־

Free Public Library, Newark, N. J.

קירצט געוואָרן פון אַ גרויסן. די לאַטעס אויף די עלנבויגנס וואָלטן שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט, ווי דאָס, וואָס ער שווימט אַרום אין דעם מלבוש. ווען ער איז צום ערשטן מאָל אין דעם הולך געקומען אין חדר אַריין, האָבן די קינדער זיך שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט, אַז ער גייט אָנגעטון אַ שובע פון אַ יידענע...

האָט זיך גרשון פאַרקליבן אין דעם ווינקל, ווו די רביצן איז געזעסן און געשליסן פעדערן, דאָרט זיך אַריינגעשפּאַרט צווישן אויוון און אָנגעלייגטן האָלץ, פאַרקלאַפּט דאָס מויל, צו־נויפגעפרעסט די ליפן, כדי נישט צו וויינען. ערשט ווען די רביצן האָט אים באַמערקט און געפרעגט, פאַרוואָס ער וויינט, האָט ער זיך צעיאָמערט, אַזוי, אַז אַלע קינדער האָבן זיך אַרום אים צענויפגעשטעלט. — איז דער רבי צוגעקומען און נישט וויסנדיק וואָס און ווען, האָט ער דאָס ערשטע געגעבן אַ „שמיר" איבער גרשון'ס פנים מיט זיין פאַרפעצטן רימען, און דערנאָך זיך ערשט געפרעגט, ווער עס האָט אים געשלאָגן...

די מומע גנענדעלע האָט געוואוינט אין איין שטוב. אַ פיר־עקיכדיקער חדר פון אָפּגעקאַלעכטע ברעטער, דער סופיט האָט זיך אויסגעקרומט און שווער אָנגעשפּאַרט אויף דריי בעל־קעס, און די בעלקעס האָבן זיך ווידער אָנגעלענט אויף זעקס סלופּעס, צו צוויי סלופּעס אונטער יעדן בעליק.

קיין פּאָל איז אין חדר נישט געווען, נאָר אָנגעטרעטענע בלאָטע, איבערגעשאָטן מיט געלן זאַמד. אַ חוץ אַ ברייטער פּירקאַנטיקער קוימען און אַ קיך צום קאָכן, איז אויך געווען אַ ברייטער ליימענער אויוון, אַ פּיעקעליק און אַ צווישן־אויוון.

אין צימער זענען געשטאַנען צוויי בעטן, איינס האָט געהערט צום פעטער יאַנטשע, מיט אים זענען געשלאָפן דריי יונגלעך, קלענערע, און צופוסנס — חיים'ל. אין צווייטן בעט איז געשלאָפן די מומע גנענדעלע מיט אירע צוויי מיידלעך, און אַ גאַנצע נאַכט האָט זי אַרויסגעשטעקט אַ האַנט פון אונטערן איבערבעט און געוויגט דאָס זויג־קינד. וואָס איז געלעגן אין וויגל.

און אויפן קיילעכדיקן קופערט, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון, האָט מען דאָס אַרויפגעלייגט דעם שעניק, דעם זעל־

ביקן גראָבן שטרוי־זאַק, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג „געלופּ־טערט" אין דרויסן לעבן דער טיר, און אויף וועלכן יעדער איינער, וואָס איז דורכגעגאַנגען איז דווקא אַרויפגעטרעטן, צוגלייך מיט די קעץ, וואָס האָבן דאָרטן אויסגעוואַלגערט זייערע רוקנס.

איינמאָל, אין אַ האַרבסטיקער נאַכט, ווען ביי דער מומע גנענדעלע זענען אַלע געשלאָפן, חוץ דער מומעס האַנט, וואָס האָט אַליין געוויגט דאָס קינד אין וויגל, האָט זיך פּלוצלינג געהערט אַ טראַסק אין דער טיר און באַלד דערנאָך אַ זעץ אין לאָדן, אַזוי אַז דאָס פענסטער האָט זיך צעקלונגען. די ערשטע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט איז געווען די מומע און אַ געשריי־געטון „אוי, דאָס קינד!". זי האָט געמיינט, אַז דאָס קינד איז אַרויסגעפאַלן פון וויגל. דער פעטער יאַנטשע איז אָבער שוין געשטאַנען מיט די נאַקעטע פיס אויף דער ערד און אַפּירגעצויגן דאָס אָנטועכץ פון אונטערן צוקאָפּנס. דער בראַזג פון די שויבן האָט זיך איצט צעשאָטן איבער אַנדערע פענסטער אין זייער געסל. דורך די הילצערנע ווענט האָט זיך עפּעס געטראָגן אַ געדעמפּט געשריי, ווי מען שרייט אַריין אין אַ ברונעם... באַלד אָבער איז די האַלבע לבנה, וואָס איז אויסגעשניטן אין לאָדן, געוואָרן אָנגעגאָסן מיט רויטס און די שפּאַרעס האָבן אויסגעזען, ווי רויטע, אָנגעפּאַרבטע לייטערלעך.

דער פעטער יאַנטשע האָט אויפגעריגלט די טיר און צו־זאַמען מיט אַ פייכטקייט האָט זיך אויך אַריינגעריסן אַ געדיכ־טער קנויל רויך, וואָס האָט זיך ערשט אינעווייניק אויפגע־וויקלט און פונאַנדערגעלייגט אונטער די בעלקעס. דער רויך האָט זיך אַלץ מער און געדיכטער אַריינגעשפּאַרט, ווי אַ מחנה צעשראָקענע שעפּסן, וואָס אַנטלויפן פאַר אַ סכנה. דער־ווייל איז שוין דער גאַנצער לאָדן געווען אויפגעפּראַלט: אין געסל האָט זיך געיאָגט אַ רויטער וואָלקן און פון וואָלקן אַרויס האָבן זיך געטראָגן קולות און געשרייען. די מומע גנענדעלע האָט ווידער אַ געשריי געטאָן: „אוי דאָס קינד"! און געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט. ערשט ווען דער פעטער יאַנטשע האָט גענומען אַראָפּציען די איבערבעטן פון די שלאָ־

פענדיקע קינדער, אַפּירציען די קישגס פון אונטער זייער עקעפּ, דאָס אַלץ אָנגעהויבן וואַרפן דורכן פענסטער און גענומען קנייפּן די שלאָפנדיקע, זיי זאָלן אויפשטיין און זען, וואָס עס טוט זיך, האָט זי ערשט געכאַפּט דאָס עופה'לע און אַרויסגעלאָפן אין געסל אַריין.

ווען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט איז שוין געווען איינ־געבונדן אין די ליילעכער, די מעשענע לייכטערס און דאָס קופּערוואַרג איז שוין געווען איינגעפּאַקט אין די ציכן, און די קינדער האָבן שוין געהאַט אַרויפגעצויגן אויף זיך אי די קלייד־לעך אי די כאַלאַטלעך און דאָס „קליינע" איינגעבאָבעט אויף דער מוטערס אָרים אין אַ טישטוך, גרייט צו גיין אויפן פעלד אַרויס, האָט מען זיך ערשט דערמאָנט אין יתום. דער פעטער איז אַריינגעלאָפן אין הויז אַראָפצורייסן אַלטערל פון געלע־גער, אָבער צוליבן רויך, וואָס האָט זיך געדרייט אינעווייניק, ווי דאָס וואַסער אין אַ קעסל־גרוב, האָט ער נישט געזען נישט אים, נישט זיין געלעגער, בלויז אַ שוואַך געוויין האָט פון ער־געץ זיך אָפּגעשלאָגן. האָט יאַנטשע אַ שטרעק אויס געטון זיין האַנט און אָנגעטאַפּט אַלטערן—ווי אַ שטיק געדיכטער רויך, איז ער מיט אים אַרויס, נישט וויסנדיק אַפילו, אַז דאָס יונגעל איז נאַקעט און באָרוועס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייט, הינטער דער שול, אויף אַ ברייטן פעלד, זענען אין אַ האַלבן קרייז, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ ווייטן שטח, געזעסן ווייבער ביי זייערע פעקלעך. ווער עס האָט גע־קאָנט האָט געראַטעוועט די הויז־חפצים, נישט נאָר דאָס בעט־געוואַנט, וואָס איז דער עיקר, נאָר אויך קופּערטן מיטן ביסל וועש, אַנדערע — ספרים. אַפילו די ספר תורות פון שטיבלעך און מנינים האָט מען דאָ געהאַלטן אויף אַן אונטערגעשפּרייט טישטוך. לעבן די ווייבער האָבן זיך געטוליעט קינדער, האַלב שלאָפנדיק, דורכגענומען מיט נייגיר, שרעק און פייכטע קעלט.

די טאַטעס, די מאַנסבילן זענען געווען פאַרנומען מיטן לעשן. איבערן הימל האָט זיך געשפּרייט אַ פלאַמענדיקער טיש־טוך מיט פראַנזן ביים אויסלאָז פון קנאַקנדיקע פונקן.

אין די קינדערס אויגן האָט עס זיך אויסגעוויזן, ווי אַ רויטער פייערדיקער טייך גייט עס אַזוי, שטראָמט ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט אַריין און אין דעם שטראָם האָבן זיך געטראָגן אָנגעצונדענע שפּענער און שינדלען פון דעכער. און ווייט, פון דער העלקייט אַרויס, פון וואַנען דאָס פייער האָט זיך אַרויסגעהויבן, האָבן געשניטן קולות, קוויטשערייען, הוילע קלעפּ אויף פּויקן און ציטערן פון טראָמפּייטן.

די אײַזערנע בלעכן פון די דעכער איבער די געמויערטע הײַזער האָבן אַראָפּגעקראַכט מיט רויש פון דונער און די ציגל פון די קוימענס, וואָס זענען צעריסן געוואָרן פון די פייער־לעשערס העקלעך, האָבן אָנגעהילכט, ווי טויזנט אָפּגעלאָזטע טייכן נאָך אַ פאַרפלייצונג.

די ווײַבער האָבן זיך משער געווען, וווּ עס ברענט איצט. טייל האָבן געמיינט, אַז די תּומאה־גאַס, און אַנדערע האָט זיך געדוכט, אַז שוין די ציצינער גאַס. האָט מען געקוקט אויף דעם ליכטיקן איבערדעק אויפן הימל, געטוליעט די קינדער און אַרויסגעשאָקלט די זיפּצן מיטן קאָפּ.

אַלטער האָט אייגנטלעך געמיינט, אַז דאָס שלאָפט ער נאָך, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ער איז וואַך. ער געדענקט אַפילו, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, נאָכדעם ווי עס האָט אים עפּיס געביסן אין האַלדז, און נישט געוואַרט אויף גאָרנישט, איז ער אַראָפּ און געפּרוווט אַרויסוויינען דאָס רייסעניש פון דער קעל, נאָר ער קאָן נישט געדענקען פאַרוואָס האָט אים דער פעטער יאַנטשע אָפּגעלאָזט און פאַרוואָס ווייסט ער איצט נישט, ווו אים צו זוכן.

דאָ, אויפן פעלד איז ער צוהערגעקומען מיט אַ סך אַנ־דערע פעקלעך, עפּעס האָט אים פאַרשלעפּט אַ יידינע, ווי מען פאַרשלעפּט אַ פרעמדע זאַך. די יידענע האָט געהאַט נאָך קינדער און אויך ווי ער – נאַקעטע און באָרוועסע. זיי זענען געגאַנגען, איז ער אויך געגאַנגען. אָבער דאָ, אין דער צו העלער ליכטיקייט האָט די יידענע זיך אָפּגעיאָגט פון אים, ווי אַ קוואָקע יאָגט אַוועק אַ פרעמד, פאַרבלאָנדזשעט הינדעלע.

זי האָט אַפֿילו נישט געוווסט, ווער ער איז און פֿון וואַנען ער קומט צו איר, האָט זי געזאָגט:

— גיי צו דיין מאַמע, זי זוכט דיך דאָרט אַרום.

האָט ער געפֿאָלגט און איז געגאַנגען, גלייך ער וואָלט טאַקי געהאַט אַ מאַמע און גלייך זי וואָלט אים טאַקי אַרומגעזוכט.

געוואָלט האָט אויסער געפֿונען, וועלכעס „פּעקל בעטגעוואַנט" עס איז זיין מומע גנעבדעלע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט ביי אַ סך פּעקלעך און זיין מומען נישט געפֿונען. איז אים געוואָרן גאָר קאַלט; ווען נישט דער רויטער שיין, וואָס איז געפֿאַלן אויף זיין קורץ העמדל און לאַנגן טלית קטן, וואָס אַן עלטער פֿעטער האָט אים איבערגעמאַכט פֿון זיינעם אַן אַלטן טלית, וואָלט מען געקאָנט זען, אַז ער איז בלוי ווי אַ מילך. ער האָט געפּרוווט זיך צושפּאַרן צו אַן אַנדער פּעקל בעטגעוואַנט, האָט מען אים גלייך באַמערקט און מיטן זעלביקן אויסרייד „די מאַמע זוכט דיך אַרום" האָט אים קיינער נישט צוגעלאָזן צו זיך.

שפּעטער שוין, ווען שוואַרצער רויך האָט זיך שוין געמישט מיטן העלן פֿלאַם איבערן הימל, ווען די רויטקייט האָט זיך ביסלעכווייז גענומען לעשן און אַ געדיכטע פֿינסטערניש האָט פֿון ערגעץ געניידערט איבער די פּנימער און פּעקלעך אויפֿן פֿעלד, האָט אַלטערל, כמעט נישט וויסנדיק, וואָס ער טוט, זיך צוגעשאַרט צו אַ פּעקל בעטגעוואַנט. דאָס פּעקל איז געווען אויפֿגעבונדן און אַ הויפֿן קישנס זענען געווען אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף עטלעכע שלאָפֿנדיקע קינדער. האָט ער אַרונטערגערוקט די נאַקעטע פֿיס, די וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען ביז אין דער העלפֿט פֿון זיין אויסגעדאַרטן גוף. ביסלעכווייז האָט ער זיך געגליטשט ווייטער אונטער דעם צודעק, ביז די פֿעדערן האָבן דערגרייכט זיין האַלדז און אַפֿילו איבערן

קאָפּ. ער איז איינגעשלאָפן, צוגעטוליעט צו פרעמדע, אומבאַ־
קאַנטע קינדער און זיך צונויפגעגאָסן מיט זיי אין עפּעס אַ
שווערן זיס־פּיינלעכן חלום.

דער ערשטער וועג

דער אינדערפרי איז געווען אַ זוניקער, אָבער אַ פייכטער און עס האָט אויסגעזען, ווי די זון וואָלט זיך דורכגעשטאָכן דורך אַ נעפּל.

דער רויך פון די אָפּגעברענטע הייזער האָט זיך מיד געצויגן און געשנירלט פון אונטער די חורבות.

אַלע קינדער פון דער אומבאַקאַנטער יידענע זענען שוין געהאַט אַפּירגעקראָכן פון אונטער די קישנס און איבערבעטן, די מאַמע האָט שוין פון ווו עס איז געהאַט צונויפגעשאָבעט מייטקעלעך פאַר די יינגלעך און האַלקעלעך פאַר די מיידלעך. די קינדער זענען געווען אויסגעשלאָפן און דורכגעוואַרעמט פון אונטערן צודעק. איצט האָבן זיי געקוקט פריש אויף דער וועלט און מיט חידוש אויף דעם שטעטל מיט זיינע נאַקעטע, אַרויסשטאַרצנדיקע קוימענס...

ערשט, ווען די יידענע האָט אויפסניי געוואָלט צונויפבינדן די קישנס, האָט זי באַמערקט עפּעס אַ שווערע זאַך, אַ קיילעכדיקע, איינגעקנוידערט אין די ציכן. פון אָנפאַנג איז זי אָפּגעשפרונגען און באַלד דערנאָך האָט איר דורכגעבליצט: אַ חזיר, אָדער אַ כלב. האָט זי געפּרווט אַ שטורך טאָן מיט אַן אויער פון אַ קופּערנער פאַן. דאָס קיילעכדיקע אין די ציכן האָט זיך נאָך מער צונויפגעקאָרטשעט, ביז עס האָבן זיך אַרומגעשטעלט עטלעכע ווייבער פון די שכנישע פעקלעך, אָנגענומען די ציכן ביי די שפּיץ־עקן און אַרויסגעשאָקלט אויף דער איינ־

געטרעטענער, פייכטער ערד אַלטערלען, כמעט אַ נאַקעטן.

האָט צום ערשט די ייִדענע אויסגעשפּיגן, דערנאָך האָבן די ווייבער צוגעגעבן „צו אַל די בייזע חלומות" און זיך אָפּגע־קערט צו זייערע אייגענע פּעקלעך. די ייִדענע האָט דערווייל צונויפ־געקניפּט איר בעטגעוואַנט און פאַרגעסן אָן דעם ציטערדיקן ייִנגל, וואָס איז געשטאַנען כמעט נאַקעט און איינגעטונקען אין פּעדערן.

קיין מאַנסבילן האָט מען אַלץ נישט געזען. די קינדער זענען געזעסן, ווי צעשראָקענע ביי זייערע מאַמעס פּעקלעך און טייל האָבן שוין אַפילו אונטערגעזונגען מיט אַ וויינענדיקן ניגון „מאַמע, מיך הונגערט" און די מאַמעס פלעגן זיי איינגעמען, אַז דער טאַטע איז געגאַנגען ברענגען צו פרעסן...

אַלטערל האָט זיך ווידער געלאָזט גיין אויפזוכן זיין מומעס גנענדלס פּעקל. ער האָט זיך אַרומגעדרייט און נישט געפונען. אַ גרויס מיידל, וואָס האָט געהאַט אַן אַרומגעבונדן פּנים מיט אַ וואַרעמע דערקע און איז געווען באָרוועס, האָט אים פלוצ־לינג פאַרהאַלטן און אַרויפגעצויגן אויף זיין גוף אַן אַטלעסן קאַפּאָטקעלע, אַ גאַנצס און אַ נייס, אָט אַזאַ, ווי פייוועלע, דער רביצינס אייניקל גייט אין „שטיבל" פרייטיק צו נאַכטס און שבת אינדערפרי צום דאַווענען.

דאָס אַטלעסענע קאַפּאָטקעלע האָט אַלטערל נאָר באַזונדער אינטערעסירט, נישט ווייל עס האָט צוגעדעקט זיין נאַקעטן גופל, נאָר ווייל עס האָט אויף דער לינקער זייט געהאַט אַ גרין סטענגעלע, מיט אויסגעדריקטע גוישע אותיות. דאָס דאָזיקע בענדעלע האָט זיך געצויגן פון די לאַצן ביז גאָר אונטן, און ס'איז אים אַ שאָד געווען, וואָס אַזאַ לענטעלע איז נישט פון אויבן, אויף דער רעכטער זייט... עטלעכע מאָל האָט ער אַפילו געפּרוווט פאַרשאַרצן די פּאָלע, כדי דאָס בענדעלע זאָל זיך אַרויסזען, אָבער אונטער דעם קאַפּאָטקעלע איז ער געווען הויל נאַקעט, אָן הויזלעך, און ווען ער וואָלט פאַרשאַרצט די פּאָלעס, וואָלט מען אים אַרויסגעזען די הוילע פּיס.

ווער די מויד איז געווען, וואָס האָט אים אָנגעטאָן דאָס אַטלעסענע קאַפּאָטקעלע האָט ער נישט געוווסט, און נישט

פאַרשטאַנען, ווי קומט עס, וואָס גראָד אינדערוואָכן טוט מען אים אָן אַזאַ מלבֿושל. ער האָט זיך וועגן דעם נישט פאַרטראַכט, און אויב ער האָט געטראַכט וועגן מלבֿושל, האָבן אים אַממייניסטן אינטערעסירט די קנעפּלעך. וואָס דאָס קאַפּאָטקעלע האָט געהאַט — טאָפּלטע רייען. דערצו נאָך צו צוויי אויף די אַרבל און צו צוויי ביי די קעשענעס, וואָס זענען געווען פון הינטן, און האָבן סיי ווי נישט גענוצט, ער זאָל זיך אָנוואַרעמען זיינע הענטלעך, וואָס זענען עפּעס אויפגעציוירן געווען, ווי די רויטע קישעלעך.

דערווייל האָט זיך די זון, ווי אָפּגעקערט און דער דרויסן האָט אָנגענומען דעם קאָליר פון רויך. דער רויך, וואָס איז געווען ביז איצט בלוי, איז איצט געוואָרן ברודיק און האָט אויסגעזען ווי גענוצטע וואַטע. די „פּעקלעך" אויפן פעלד האָבן זיך איבערגעטראָגן. אַנדערע ווייטער אַרויף צו נעבן דער סטאָדאָלע מיט היי, אַנדערע נענטער צום מאַרק. עס איז געוואָרן אַן אויסמיש און אַ צונויפדרענג. עס האָבן זיך עפּעס אויסגעפאָרמט געסלעך. געסלעך פון פּעקלעך מיט בעבעכעס. מען האָט אויסגעגראָבן גריבער, אָנגעלייגט פייערן, און איבער זיי אויפגעהאָנגען פענדלעך מיט געקעכצט. אַלטערל ווייסט נישט פון וואַנען, נאָר עס האָט זיך באַוויזן ברויט. גרויסע ברויטן, וואָס זענען צעריסן געוואָרן נעבן יעדן „פּעקל". קינדער האָבן געהאַלטן איןביידע הענט אָפּגעריסענע שטיקער „מוציאות" און געגעסן מיט חשק. אַלטערל האָט זיך אַלע מאָל, ווי אַ הונגעריק הינטל געשטעלט קוקן אין די אויגן פון די עסנדיקע קינדער, און אַז מען האָט אים נישט באַמערקט, האָט ער ווי אַ קאַץ זיך געשאַרט און געשפּאַרט צו די פּעקלעך. האָבן זיך די מאַמעס אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו די עסנדיקע קינדער, און מיט די פּלייצעס צו אים, ווי זיי וואָלטן דאָס פאַרשטעלט די אייגענע פאַר אַ בייז אויג...

דערווייל האָבן זיך אין מאַרק באַוויזן די ערשטע פורן מיט געבעקס, וואָס אַנדערע, דערבייאיקע שטעטלעך האָבן געשיקט צו די נשרפים. די מאַמעס האָבן איבערגעלאָזט זייערע קינדער, ווי אויף הפקר און זיך געלאָזט צו די פורן כאַפּן ברויט.

עס איז געוואָרן אַ געדרענג. מען האָט אומגעוואָרפן איינער דעם אַנדערן. מען האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף רעדער, זיך געדראַפּעט אויף אַקסלען, און ווי מחנות הונגעריקע בינען, זענען די יידן באַפאַלן יעדע פור, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן הינטער דער ראָגאַטקע. די פור איז גלייך באַקלעפּט און אָפּגעלעקט געוואָרן ביז דער לעצטער קרישקע.

אַלטערל איז געווען דאָס איינציקע קליינע מענטשעלע, וואָס האָט זיך מיטגעשרויפט מיט דער מענגע דערוואַקסענע, און כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין שאַנס צו קריגן פאַר זיך אַ שטיקל ברויט, האָט אים אָבער דער ריח פון פרישן געבעקס נאָס געמאַכט די צונג און געבלעזלט מיט שפייעכץ אין די ווינקלען פון די ליפּן. דער קאָפּער האָט געקיצלט אין דער נאָז, האָט ער געצויגן דעם אָטעם און דאָס הערצל האָט שיער געחלשט.

די דערוואַקסענע האָבן אים נישט באַמערקט און נישט צוגעלאָזט. אַלע מאָל ווען ער האָט זיך אַריינגעשלומפערט אין רעדל מענטשן, כדי זיך צוצוקריגן צום וואָגן ברויט, האָט אים אַן אַנדערער אויפגעהויבן ביים קאָלנער פון אַטלעסן קאַפּאָטקעלע און אַריבערגעשטעלט איבער די קעפּ, אַזוי זיך, אַפילו נישט ביז דער ערד, נאָר אָפּגעלאָזט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט געווען אַ קלעצל. און ער איז טאַקע אויך עטלעכע מאָל געפאַלן.

און ווען דאָס גאַנצע ברויט איז שוין געווען צעכאַפּט, און יעדער ייד, ווער מיט איינס, און ווער מיט מער ברויטן אונטערן אָרעם, איז געלאָפן צהין, אויפן פעלד צו זיין הויז־געזונט, האָט אַלטערל פלוצלינג דערזען פאַר זיך, ממש אויף זיינע פיס דעם פעטער יאַנטשע, טראָגנדיק דריי לאַנגע ברויטן.

אַלטערל האָט אין אַלץ פאַרגעסן און גענומען שמייכלען. ער איז געווען זיכער, אַז דער פעטער יאַנטשע הערט זיין שמייכל און וועט זיך אָפּשטעלן. אָבער דער פעטער יאַנטשע איז געווען פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך אין די מחשבות איצט צענויפגעקלעפּט מיט די ברויטן. אַליין איז ער געגאַנגען פאַמעלעך, נאָר טריט האָט ער געשטעלט ברייטע, אַריבערגע־

שפרייזט איבער אַלץ, וואָס איז געלעגן אין וועג, איבער טליי־ענדיקע בעלקעס און קופּעס ציגל. אַלטערל איז אים נאָכגע־לאָפן. שנעל נאָכגעלאָפן ווי אַ הינטל, וואָס דערזעט זיין באַ־לעבאָס אין גאַס. ער האָט זיך עטלעכע מאָל דערנענטערט צו אים, אויסגעקומען גלייך ביי זיין זייט און איז ווידער גע־בליבן הינטערשטעליק. ביז ער האָט דעם פעטער אַ צי געטאָן ביים כאַלאַטל. דער פעטער האָט זיך אַרומגעזען, אַריינגעקוקט אפילו אים אין די אויגן און אים נישט דערקענט.

דער פעטער איז ווייטער געגאַנגען, לאָזנדיק דאָס יונגל נאָכלויפן נאָך זיך, נאָר אין מיטן גאַנג, האָט ער זיך ווי אי־בערגעלייגט און ראַפּטום אָפּגעשטעלט, אַזוי, אַז אַלטערל איז שוין געבליבן אַ שפּאַן פאָרויס, און אויך געבליבן שטיין, אויף דעם פעטערס אָנפרעג, ווו ער איז געווען, האָט ער אַ טייט געטון מיטן פינגער סתם פאַר זיך -- דאָרט - און דער־ביי האָט ער פאַרגעסן אָן הונגער און שטאַרק חשק געהאַט דער פעטער זאָל אים פרעגן וועגן זיין אומגעריכטן אַטלע־סענעם מלבושל.

דער פעטער יאַנטשע האָט ווידער נישט געענטפערט. ער האָט גענומען אַ לאַנגן ברויט, דערמיט אַ קלאַפּ געטון איבער זיין קני, אַז ער האָט זיך מיט אַ קוויטש פון פרישקייט אין צווייען צעשפּאָלטן, פון איין האַלבן ברויט, ווידער אַרויסגעריסן אַ טייל און עס אים דערלאַנגט.

אַלטערל האָט גענומען עסן, נאָכן ערשטן ביס האָט ער אין זיך גענומען מאַכן אַ המוציא, וואָס ער האָט גוט געקענט פון אויסווייניק. אָבער ער האָט זיך פאַרשלוקערצט, אַ קנויל פון ווייכן טייג האָט זיך אים געלייגט אונטערן האַרץ און נישט געקאָנט אַראָפּ.

גערעכנט האָט ער, אַז דער פעטער יאַנטשע נעמט אים מיט מיט זיך צו דער מומע גנענדעלע מיט אירע קינדער, און אַז זיי וועלן גאָרנישט האָבן עפּעס אַנדערש אין זין, ווי נאָר צו באַטראַכטן זיין אַטלאַסענע קאַפּאָטקעלע און מען וועט באַ־וווּנדערן דאָס גרינע סטענגעלע. אָבער דער פעטער יאַנטשע

האָט זיך אין מיטן וועג אומגעקערט, אַ קוק געטון צו ער עסט, און געהייסן אים, ער זאָל זיך אָנהאַלטן אין זיין פּאַלע־און אַכטונג טון, ער זאָל זיך נישט אַריינשטעכן אַ טשוואָק אין די נאַקעטע פיס.

אַלטערל האָט געמיינט, אַז דעם פעטערס גוטסקייט נעמט זיך זיכער פון דעם, וואָס ער טראָגט אַן אויסטערליש מלבושל, און אַז דאָס איז אַזאַ דרך־ארץ. און ער וואָלט טאַקי געווען אַ בעלן צו זען, אויב דער מלמד פון דער תּלמוד־תּורה וואָלט אים איצט געשלאָגן. און צי וואָלט ער אים אויך איצט געשיקט אַ גאַנג, ברענגען פון דעם פלומפּ אַ קאַלטן שעפּ וואַסער פאַר אַן אַנדער ייִנגל, און צי וואָלט ער אים נעהייסן אונטערטראָגן דער רביצין אַ גרויסן פּאַק מיט וועש צום טייך?...

פּונקט ווי אונטער דער שול, איז דאָ, אויפן חזיר־מאַרק, אויך געווען אַן אויסלייג פון פּעק און פּעקלעך. אָבער דאָ זע־נען שוין געשטאַנען קופערטן, שויבן־שענקלעך, שלאָף־בענק און צענומענע בעטן. פון די „ליימענע געטער" האָט אַלטערל דער־קענט, אַז דאָס זענען „גוים" צוזאַמען מיט זייערע קינדער, ביי די פּעקלעך זענען אויך געשטאַנען פערד און בהימות, גע־בונדענע גענז, חזירים.

דאָ, ביי די „גוים" איז שוין געווען אַ סך מער אָר־דענונג. עס זענען שוין געווען אויפגעשטעלט גרויסע, ליימענע באַק־אויוונס און קאָך־קוימענס, און מען איז אַפילו געזעסן אַרום טישן און געטרונקען פון פלעשער.

כּדי דאָס ייִנגל זאָל נישט פאַרלוירן גיין, האָט דער פּע־טער יאַנטשע אים אָנגענומען ביי דער האַנט. דאָס האָט אַל־טערלס האַרץ שטאַרק ווייך געמאַכט און ער האָט אַפילו פאַר־געבן די מומעס יונגלעכס עוולות, און טאַקי חיים'ס גרויסע עוולה, וואָס ער האָט אים פאַרמסרט, אַז ער איז אַ נאַשער...

אין זיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ ווייכקייט און אַ מילדקייט, אָבער צליב וואָס דער פעטער האָט אים דאָ מיטגע־נומען, האָט ער נישט געוווסט, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פור, אויף וועלכער עס זענען שוין געזעסן ווייבער אויף הויכע

קאַסטנס. די פור איז געווען באַלייגט מיט פּעק בעטגעוואַנט און פאַרבונדן מיט דיקע שטריק.

די ווייבער האָבן זיך גאָרנישט ווייסנדיק געמאַכט, זיי האָבן זיך בלויז געשאָקלט, ווי זיי וואָלטן זיך דאָס פריער אויסגעלערנט. דער פעטער האָט זיך בלויז געדונגען מיט דעם, וואָס האָט געהאַלטן אָנשטאָט אַ בייטש, אַ לאַנגן בויגעוודיקן שטעקן אין האַנט. דער באַלעגאָלע האָט אים נישט געוואָלט אַרויפנעמען אויף דער פור און דער פעטער האָט אים איינגערעדט, ער האָט אַלטערלען ממש אַריינגעשטופּט אין דער בויד. דער סוף איז געווען, אַז דער פעטער האָט אַלטערלען אויסגעשטרעקט די האַנט מעשׂה גרויסן מענטש, געזאָגט: „פאָר געזונטערהייט" און פאַרטראַכטערהייט אַוועקגעשפּאַנט. אַלטערל איז געבליבן זיצן אויפן אָנגעלאָדענעם וואָגן...

ביים טאַטן איז דער פרעמד

אַלטערל האָט זיך מיטגעשאָקלט מ'ט אַלע פאַרשווינען אויף דער גרויסער ברייטער פור. ער האָט שווייגנדיק איינגע־חזרט אין זיך דאָס וואָס דער פעטער יאַנטשע האָט אים אָנ־געזאָגט, אַז ער האָט שוין ניט קיין אָרט, ווו דעם קאָפּ צולייגן, און זיינע, דעם פעטערס אייגענע קינדער, האָבן אויך שוין נישט קיין דאַך איבער זיך.

די יידענעס האָבן אין צווייען זיך געשאָקלט, אי פון דעם וואָס דער וואָגן האָט זיך געטרייסלט, אי פון דעם וואָס זיי האָבן באַזיפצט אַלטערל'ן. אַלטערל האָט זיך איינגעהערט, וואָס די ווייבער האָבן גערעדט, און פון דעם איינגעהערטן האָט ער נאָר אויפגעכאַפּט איינציקע, צופעליקע ווערטער, וואָס האָבן יאָ געהאַט און ניט געהאַט קיין שייכות צו אים.

מען האָט באַזיפצט זיין מאַמע, וואָס איז נעבעך יונגער־הייט אַנטרונען געוואָרן און די ערד קילט איר שיין געשטאַלט. מען האָט גערעדט פון טאַטן זיינעם, וואָס איז אַוועקגעפאָרן און ניט געוואָלט הערן פון דעם קינד. פון די אַלע רייד איז אַל־טערל'ן זייער ענג געוואָרן, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די פור איז אָנגעלאַדעוועט מיט שווערע רייד, אַז זי האָט זיך איבערגעדרייט און די שווערע רייד פאַלן אויף אים, פרעסן אים און דעקן אים צו.

אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס פאָרט ער ערגעץ אין אַזאַ אָרט, ווו עס וועט אים זיין היימלעך

און וואָרים, און אַז עס וועט עפּעס זיין אַזאַ ע מ י ק, וואָס וועט אַנדערש אַכטונג געבן אויף אים, בעסער ווי זיין פֿעטער יאַנטשע און זיין מומע גנענדעלע, און אַז ביי יענעם אומבאַקאַנטן טיש וועט ער זיצן גלייך מיט אַלעמען, און אפשר טאַקי אויבנאָן ביי י ע נ ע מ ס רעכטער האַנד, אַט אַזוי ווי חיימל, זיין פֿעטערס.

— און אַז עס וועט אים זיין גוט אויפֿן האַרצל, וועט ער מיטזינגען שיר המעלות און זיך מיטשאָקלען מיטן אומבאַקאַנטן, צו וועמען ער פֿאָרט.

אַלטערל האָט געזען פֿעלדער, אָפּגעליידיקטע ביימן, די זון האָט זיך באַוויזן און באַהאַלטן, דאָ האָט אַ ברי געטאָן און דאָ איז קיל געוואָרן. דער וואָגן איז אַרויסגעקראָכן פֿון איין בלאָטע און אַריין אין אַ אַנדערער. אָפּטמאָל האָט דער בעל־עגלה גאָר געהייסן זיינע פֿאַרשוינען אַראָפּקריכן, כדי די פֿערד זאָל זיין גרינגער צו שלעפּן, דעמאָלט האָט ער אויך געוואָלט אַראָפּגיין, נאָר דער בעל־עגלה האָט אַ זאָג געטאָן:

— דו, טרחל, זיץ, ווייל דו וועסט זיך נאָך צעפּליקן די הייזעלעך...

האָט זיך אַלטער׳ל פֿאַרשעמט, אינעווייניק האָט אַ ברי געטאָן, ווי אַ הייס שפּיזל, זיין בלייך פּנימל האָט זיך געראָיטלט דערפֿון, וואָס ער, אַ „מאַנסבילדל” זיצט גאָר אָן הויזן, מיטן הוילן געזעסל אונטערן אַטלעסענעם קאַפּאָטקעלע און דערצו נאָך באָרוועס אויך...

דער ווייטערדיקער וועג האָט אים שוין ניט באַקומען, כאָטש די מענטשן זיינען צו אים גוט געווען; ער ווייסט ניט פֿון וואַנען, נאָר פֿון די באַהעלטענישן האָבן זיך באַוויזן גאָנשערס מיט איינגעמאַכץ, מען האָט דערמיט געשמירט ברויט און אים געגעבן צו פֿאַרזוכן.

זיין פֿאַנטאַזיע האָט אים איצט געמאָלן אַן אַנדער בילד: עס איז נאַכט, טאַקי שפּעט ביינאַכט, ער קומט אָן צו דעם הויז, ו ו ו ה י ן ער פֿאָרט. דאָס הויז איז אין אַ גאָרטן. ער קומט אַהין, קיינער באַמערקט ניט, אַז ער גייט באָרוועס און האָט נישט קיין הייזלעך. מען לייגט אים שלאָפֿן אין אַ ניי שיין בע

סעלע, אַזאַ'ס ווי ער האָט געזען אויף די געמעלן, וואָס זיינען געהאָנגען אין די צימערן פון זיינע חברים. ער לייענט קריאת שמע און לייגט זיך שלאָפן. ער שטייט אויף און אויף דעם שטול ליגן אַ פּאָר נייע האַלבע הויזן, ווי פאַר אַ דערוואַקסענעם, מיט שעלקעס און מיט אַ פּאַסעק... ער טוט זיך אָן. פיר קעשע־נעס, צוויי אין דער זייט און צוויי פון הינטן. די הויזן האָבן ברייטע „נאַגעוויצעס", אַזעלכע ברייטע, אַז זיי קאָנען אַריבער איבער די כאָלעוועס און די שטיוול קאָנען אויסזען, ווי קאַמאַשן...

פאַרשטייט זיך, אַז אויף די הויזן גייט ער אָנגעטון דאָס אַטלעסענע קאַפּאָטקעלע. אַלע אין דעם „הויז" באַטראַכטן אים מיט חידוש. דאָס קאַפּאָטקעלע איז ממש אַ שפּיגעלע און אַלע מענטשן שפּיגלען זיך דעריגען...

אָט אַזוי ווי דער וואָגן, באַרג-אַרויף, באַרג-אַראָפּ, — אַזוי האָט אַלטערל געחלומט. פון איין פאַנטאַזיע אַרויס, אין דער אַנדערער — אַריין, ביז די פערדלעך האָבן זיך געטאָן אַ פאַר־גאַלאָפּיר ערגעץ פון אַ בערגל אין אַ טאָל אַריין. פון אונטן, אין טאָל האָט זיך געזען אַ פּלאָנטער פון דעכער און קוימענס. אַלטערל האָט געמיינט, אַז דאָס פאַרט מען אַזוי אַרויף אויף די שינדעלנע און שטרויענע דעכער, אָבער די פור איז אַריינגעלאָפן אין אַ געסל. אַ קליין שטעטל האָט זיי הויקערדיק באַגריסט — און איידער וואָס ווען האָט דער בעל-עגלה איינגעהאַלטן די פערד אין אַ זאָג געטאָן צום יונגל:

— נו, שמעלקע, קריך אַראָפּ!

האָט זיך אַלטערל ערשט פאַרשעמט און פאַרוווּנדערט. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער איז שוין דאָ אויפן אָרט. אַרום זיך האָט ער געזען ליידיקע, ליידיקע פלעצער, און אויף איינעם אַזאַ ליידיקן פלאַץ איז געווען אַ שמאָל הילצערן שטיבל, וואָס איז נאָר געווען אַזוי ברייט, ווי אַ טיר פון אַ געוועלבל. פאַר דעם געוועלבל איז קיינער נישט געשטאַנען, אַ חוץ אַ פעסל טראָן, און אויף אַ קעסטעלע דערביי איז געלעגן אַ שוך-בערשטל. אַלטערל האָט זיך נישט גערירט, ווייל ער האָט זיך נישט גע־גלויבט, אַז דאָס מיינט מען אים, אַז צוליב אים האָט מען זיך

אָפּגעשטעלט. דער דרויסן איז נאָך געווען בלאָס-ליכטיק, און ווען ער זאָל זיך נישט צוהאַלטן בייביידע פּאָלעס, זיי זאָלן זיך נישט צופּליען, וואָלט זיך ארויסגעזען, אַז ער איז נאַקעט אונ-טערן קאַפּאָטקעלע.

ווען דער בעל-עגלה האָט געזען, אַז דער יתום רירט זיך נישט, האָט ער אים אָן קונצן געגעבן אַ צי אַרויס פון צווישן די פּעק און קאַסטנס, און אויפהויבנדיק אים אין דער לופט, אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. דערוויילע איז פון קרעמל אַרויס-געקומען אַ ייד, וואָס מען האָט ביי אים גאָרנישט אַרויסגעזען קיין פּנים. דאָס גאַנצע פּנים איז געווען בלויז איין שטיק באָרד, בלויז פון דער באַוואַקסעניש האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי בליצלעך פון אונטער געדיכטע ברעמען. אַלטערל האָט זיך משער געווען, אַז דאָרט זענען אויגן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט וויסן צי שמייכלען זיי צו אים, צי קוקן זיי מיט רוגזה.

דערוויילע האָט אים דער בעל-עגלה אַראָפּגעשטעלט, און ער האָט דערפילט ערד אונטער די באָרוועסע פיס. דער בעל-עגלה האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך עטלעכע ווערטער, וואָס אַל-טערל האָט געמיינט צום ערשט, אַז דאָס רעדט ער צו די פערד, נאָר ווען דער בעל-עגלה האָט אים אונטערגעשטופּט ביי די פּלייצעס האָט ער זיך ערשט געכאַפּט:

— נו, שמעלקע, שטיי נישט, גיי צו, גיב שלום דעם טאַטן!

און מיטן זעלבן טאָן האָט ער געגעבן אַ „זאָג" צו די פערד, זיי זאָלן גיין און זיי זענען טאַקע „געגאַנגען"...

אַלטערלן האָט אָנגעהויבן צו ווערן זייער אומהיימלעך. ער איז געווען אַ קינד און ס'האָט זיך אים געדוכטן, אַז „יענער" קוקט אויף אים, ווי אויף אַ גרויסן. עס האָבן געמוזט נעמען אַסאַך רגעס, ביז די שטילקייט האָט זיך איבערגעשפּאַלטן. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן צום ערשט צו רעדן און אַלטערלן האָט זיך געדוכטן, אַז זיינע רייד קומען נישט פון מויל נאָר פון גאַנצן פּנים אַראָפּ:

— ווער האָט דיך געהייסן קומען, כאַלערע?

האָט אַלטערל מער פאַרשטאַנען דאָס פרעגן, ווי ער האָט דערהערט די ווערטער און געענטפערט:

— דער פעטער יאַנטשע.

האָט דעם טאַטענס באַרדיקע פנים אים גוט אַרומגעקוקט, געזען די באָרוויסע פיסלעך, מיט דער בלאַטע צווישן די פינגער, די דורכגעשפּאַלטענע צעבלוטיקטע נעגל, און אים ווידער געפרעגט:

— האָסט געלערנט אין אַ חדר?

האָט אַלטערל געוואָלט פאַרזיכערן זיין ענטפער און פאַרפעסטיקן:

— אין תלמוד תורה.

— ביי וועלכן רבין?

— ביים בלינדן זרח.

דער טאַטע האָט אין איין קול ווייטער געפאָרשט:

— קאָנסט עיברו?

דאָס יינגל האָט זיך געוואָלט אויספיינערן און געענטפערט שוין מיט אַ ביסעלע גאווה:

— איך לערן שוין חומש מיט רשי.

אָבער, צי דער טאַטע איז נישט געווען צופרידן מיט דעם דרייסטן ענטפער, צי האָט ער זיך נישט געמאַכט הערן—ער האָט זיך געהאַלטן ביים זייניקן:

— האָסט מיטגעבראַכט אַ סידור?

איז דאָס אַלטערן נישט געפעלן. ווען ער איז שוין אַ חומיש-יינגל, קאָן שוין מעבר-זיין די סדרה מיטן טראָפּ, זאָל מען זיך אים גאָר פרעגן אויף אַ סידור. האָט ער נישט געענטפערט און געשוויגן אַ ווײַלע.

דער טאַטע האָט געוואַרט עטלעכע מינוט. דערנאָך קורץ באַפוילן:

— קום אַריין דאַווענען מנחה.

אין שטוב איז קיינער נישט געווען. די טונקעלניש איז געלעגן, ווי אין אַן איינגעפרעסטן קאַסטן. בלויז אין די פיר קליינע פירעקיקע שויבן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פיר גלייכע

„פערטעלעך" הימל. דער טאַטע האָט אויפגעמישט אַ סידור, אים דערלאַנגט און באַפוילן:

— היפּער נישט, זאָג איינס און איינס, יעדעס וואָרט, לאַמיך הערן.

האָט זיך אַלטערל אַוועקגעשטעלט נעבן טישל. וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, און גענומען ציילן די ווערטער:

— אשרי יושבי בתך...

אַז עס איז געקומען צו שמונה עשרה, האָט ער מיט די אויגן געשטעלט אַ פרעגע דעם פאַרוואַקסענעם פּנים; אין דער פינצטער האָט אַ טייטל געטון אַ פינגער, און ווי דער פינגער אַליין וואָלט אַרויסגעזאָגט:

— דאָרט.

האָט זיך דאָס קליינע יידעלע געשטעלט מיטן פּנים צו דער טיר, צו מזרח און געוואָלט זאָגן ווי אַ גרויסער שמונה עשרה שטילערהייט, אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן און געפאָדערט ווי מען מאָנט שטרענג:

— הויך, יעדעס וואָרט באַזונדער!

אַלטערל האָט זיך אויפגעהערט צו שאָקלען. געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרדאַרט בוימל. גלייך און טרוקן. געזאָגט הויך און אָפּגעציילט. ערשט ווען עס איז אַריינגעקומען עפּעס אַ יי־דענע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהערט זיך, ווי דער טאַטע רעדט געדיכט, ווי עס וואָלטן געפאַלן הייסע קאַר־ט פל פון זיין מויל. ער איז שטיל געוואָרן און געענדיקט מנחה שוין שטילערהייט.

די יידענע האָט געמאַכט דעם לאָמפּ, אָנגעגאָסן נאַפט, צוויי מאָל אַריינגעהויכט און אויסגעווישט דאָס גלעזל מיט אַ פאָלע פון איר פאַרטוך, אַרויפגעשטעלט עס אויף אַ פלעמעל, וואָס איז געשוואומען איבער דער קנויט, ווי אין דער לופטן, און ערשט ווען דאָס גלעזל האָט זיך אַרויפגעשרויפט אויפן ברענער, האָט זיך דאָס פלעמל באַהאַפטן מיט דער קנויט און מיטאַמאָל האָט אַ האַלב ליכטיקייט אַרומגענומען די שטוב. אַלטערל האָט אַ קוש געטון די פאַרמאַכטע טפילעך פונם סידור און דערזען

ווי אַ חוץ דער יידענע איז אויך אַריינגעקומען נאָך אַ מיידעלע. ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז אונטער דעם קאַפּאָטקעלע איז ער אדם נאַקעט, און אַ רויטקייט האָט אַרויסגעשפּאַרט אויף זיינע בעקעלעך. דאָס מיידעלע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך עטלעכע פאַרטשיילעכלעך און ער האָט דערזען שטיין אַ שיין מיידעלע מיט רויטע אויסגעגלאַנצטע בעקעלעך און מיט בלויע לאַכענדיקע אויגעלעך. זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו אַלטערל, אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך צולאַכט.

האָט דער טאַטע צוגעגעבן:

— דער נאַר שטופּט זי שוין.

אַלטערל האָט געהערט, ווי דאָס מיידעלע רופט די יידענע „מאַמע" און דעם ייד „טאַטע". ווייטער האָט ער נישט שטאַרק געוווסט, וואָס דאָ טוט זיך און נאָכוואָס ער איז דאָ.

די אידענע האָט אים דערלאַנגט עפּעס אַ געקעכץ און ווען ער האָט גענומען דעם לעפל צום מויל, האָט זיך דאָס מיידעלע הילכיק צולאַכט.

די יידענע איז געשטאַנען לעבן אַלטערלען און אַלעמאָל צוגעגאָסן אין זיין שיסל פון אַ טאָפּ, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט. ער האָט נישט געקאָנט אַזוי פיל אין זיך אַריינגיסן. דאָס בערדיקע פּנים איז אָבער געשטאַנען ביים ברעג פון טיש און אַכטונג געגעבן, ער זאָל נישט אָפּשטיין.

אַלטערל האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער ווייסט ווי זיך צו פירן, געמאַכט אַ בורא נפשות מיט אַ ניגון, ווי מען זאָגט דאָס יומטובדיקע בענטשן, און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מיידל מיט די רויטע אויסגעגלאַנצטע בעקעלעך באַוווּנדערט אים.

דאָס בערדיקע פּנים האָט געזאָגט צו דער יידענע:—זאָל ער גיין פּאָפּן!

האָט די יידענע, ווי אָן חשק, צערודערט אַ בעט, אַפּירגענומען פון צוקאָפּנס אַ שטרויען קישעלע, פון אַ ווינקל אַ בינטל שמאַטעס און דערמיט „אויסגעבעט" אַ געלעגער אויף אַ בינטל האָלץ, וואָס איז געלעגן צווישן אויוון און זיך געטרוקנט.

אַלטערל האָט זיך אָוועקגעזעצט לייענען קריאת־שמע און געזאָגט האָט ער עס זייער לאַנג. דער לאָמפּ האָט זיך גע־ ברענט און ער האָט זיך געשעמט אויסצוטאָן, מען זאָל נישט דערזען, אַז ער האָט נישט קיין הייזעלעך. דאָס מיידעלע האָט נאָכגעזאָגט עטלעכע ווערטער נאָך דער מאַמע און זיך באַלד געלייגט מיט איר אין בעט. דער טאַטע האָט ערשט אַראָפּגע־ נומען פון דער פּאָליצע אַ גרויסע גמרא, אָוועקגעשאָרט פון ביידע זייטן די באָרד מיט די וואָנסעס פונם מויל, כדי די ווערטער זאָלן זיך נישט אָפּשלאָגן און זיך צעלערנט און צו־ זינגען: ער האָט זיך געפּרעגט מיט איין ניגון און געענטפערט מיט אַ צווייטן. דאָס פלעמל פון לאָמפּ האָט מיטגעטאַנצט, זיך אונטערגעטונקן אין נאַפּט און קאַפּויער געקומען. אַלטערל האָט זיך אויסגעטאָן, פאַררוקט זיך צווישן אויוון, און נישט געפונענ־ דיק גאָרנישט מיט וואָס זיך איינצודעקן, האָט ער אויף זיך אַרויפ־ געצויגן דאָס אַטלעסענע קאַפּאָטקעלע און איינגעוויגט מיט דעם לערנענדיקן ניגון, וואָס האָט זיך ווי אָפּגעשלאָגן פון די ווענט גלייך צו אים אין האַרץ אַריין, איז ער איינגעשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אינדערפרי איז די שטוב נישט געווען צו דערקענען. ווי אַלטערל האָט נאָר געעפנט זיינע אויגן, האָט זיך אים גע־ דוכט, אַז עס איז שבת. אָבער ווען זיין בליק האָט זיך אויפ־ געקלעפּט, האָט ער דערזען, ווי עס שטייען אָנגעשטעלט קעסט־ לעך מיט הינערנע און גענזענע אייער, עס קרייען געבונדענע הענער און שפּרינגען אַזוי געבונדענערהייט פון איין אָרט אויפן אַנדערן; עס ליגן רויע פעל פון אָפּגעשונדענע חיות און ווייקן זיך אין צעגאַנגענעם זאַלץ. די יידענע רעדט מיט פויערים און דאָס קליינע מיידעלע רעדט הויך און הילכיק פויליש און העלפט דער מאַמע זיך דינגען. דער טאַטע גייט אַרויס און קומט צוריק, טראַגנדיק אַלעמאָל אין האַנט אַן אַנדערע זאַך.

אַלטערל איז געלעגן פאַרצווייפלט, נישט געקאָנט אַראָפּ־ ניין, סיידן ער זאָל זיך אויפן געלעגער אָנטאָן דאָס קאַפּאָט־ קעלע. פּלוצלונג האָט עפּעס אַ פלי געטאָן אין זיין פּנים אַריין

צום ערשט האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט זיך אַ האָן פֿריי־געלאָזט פֿון זיינע פֿענטעס, נאָר באַלד האָט ער אָנגעטאַפּט, אַז דאָס געפֿלויגענע איז אַ שמאַטע. האָט ער שוין גאָרנישט גע־ווּסט פֿון וואַנען דאָס איז געקומען, אָבער באַלד איז נאָכגע־קומען דאָס פֿאַרפֿאַקטע קול פֿון זיין טאַטן:

— וואָס כאַליעטע ער נאָך? גרויסער טאַג! עובר קריעת שמע.

און די אידענע האָט מיט אַ פֿרומען קול צוגעזיפֿצט:

— צי אַרויף אויף זיך די הויזן, וועסט נאָך פֿאַרשפּע־טיקן צום מנין.

האָט דעמאָלט ערשט אַלטערל אויפֿגעוויקלט די שמאַטע און דערזען, אַז עס איז אַ פּאָר גרויסע הויזן, נאָר ביי די פּיס אָרומגעשניטן, נישט פֿאַרזוימט און מיט אָראָפּהענגענדיקע צויטן...

ער איז אַריין אין די הויזן און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שווימט אָרום אין אַ גרויסן פּאַס. ווען ער איז אַפּיר־געקראָכן פֿון זיין געלעגער האָט ער ערשט דערפֿילט, ווי זיינע ביינער זענען אָנגעקוועטשט פֿון דעם טרוקענעם האַלק. ער איז געווען צובראָכן און צעשטיקלט און קוים וואָס ער האָט זיך געקאָנט אָפּגיסן די נעגל, אָפּוואַשן דאָס פּנים און זאָגן קריעת שמע.

דער טאַטע האָט באַפֿוילן דעם מיידעלע, זי זאָל אים ווייזן ווי דאָס בית המדרש איז און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דאַווענען וואָרט ביי וואָרט און וואַרטן אין בית המדרש ביז ער וועט נאָך אים קומען.

אויפֿן וועג האָט דאָס מיידעלע אים געפֿרעגט צי ער איז איר ברודער.

האָט ער געענטפֿערט:

— אוודאי.

האָט זי אים געפֿרעגט ווי אַזוי ער הייסט.

האָט ער געקלערט און געזאָגט, אַז אין דער אמתן הייסט ער גרשון, נאָר, האָט ער טרויעריק צוגעגעבן:

— מען רופֿט מיך מיט אַ צונאָמען „אַלטער“.

— אַלטער?

דאָס מיידעלע האָט אַ פּלינקן קוק געטאָן אויף זיין קאָ־פּאָטקעלע און דערנאָך אויף די הויזן, וואָס האָבן אויסגעזען אויף זיינע פיס ווי צוויי זעק.

האָט אַלטערל אַראָפּגעלאָזט זיין קעפּל און איבערגעענט־פערט נאָך שטילער:

— יאָ, אַזאַ צונאָמען האָט מען מיר געגעבן.

דאָס שוועסטערל האָט ווי איבערגעחזרט פאַר זיך דאָס וואָרט „אַלטער" און זיך, ווי נעכטן ביים עסן, הילכיק צע־קלונגען מיט אַ געלעכטער.

אַלטערלען האָט עס נישט פאַרדראָסן. אים איז געפעלן וואָס ער האָט אַ שוועסטער, אַן אייגענע שוועסטער, וואָס ביז איצט האָט ער גאָרנישט דערפון געוווּסט און אים וואָלט גוט געווען ווען עמיץ פאַרטשעפּעט זי, כדי ער זאָל זיך קענען פאַר איר אָננעמען. דערצו איז אים געפעלן, וואָס זי האָט אַזעלכע בלויע, שמייכלדיקע אויגן. זיי זענען אַזוי ליכטיק, אַז ס'ווערט פון זיי וואַרים.

כאָטש עס איז שוין געווען טיף אין הערבסט און די קעלט איז פייכט געלעגן אין דער לופט, איז זי, ווי ער, גע־גאַנגען באָרוועס.

אין מיטן לאַכן האָט ער זי געפרעגט:

— און ווי אַזוי הייסטו?

— ווי אַזוי? — האָט זי איבערגעפרעגט און באַלד פאַר־ענטפערט: — מחלה.

און גלייך אויך צוגעגעבן:

— איך האָב אויך אַ צונאָמען.

און נישט וואַרטנדיק ער זאָל איר פרעגן, האָט זי אַליין געזאָגט:

— מאַריאַנע.

— מאַריאַנע, — האָט אַלטערל געוואָלט ווערן פאַראינ־טערעסירט — מאַריאַנאַ? אַ גוישער נאָמען...

דאָס מיידעלע האָט זיך צעקוואָלן און ווידער געזאָגט:

— און כ'האָב נאָך אַ צונאָמען.

אַלטערל, מעשה גרעסערער ברודער, האָט געוואָלט וויסן, אַז ער ווערט אָנגעצונדן פון איר ביטערן גורל, האָט געפרעגט מיט ערנסט:

— נאָך אַ צונאָמען?

— יאָ — האָט זי פאַרכאַפּט: — מאַריאַנקע.

און נאָך איידער ער האָט עס אַראָפּגעשלונגען, האָט זי שוין ווייטער געמאָלן און געלאַכט מיט איר מײַלעכל, מיט אירע אויגעלעך און דאָס פּנימל האָט זיך רויט צעגלאַנצט:

— און כ'האָב נאָך אַ צונאָמען: די משוגענע מאַריאַנקע.

אַלטערלס ווערן זיך דערצערנען האָט נישט געהאַט קיין זין. זי אַליין האָט דערפון געלאַכט. דאָס האָט אים מער געאַרט ווי אַלץ און ער האָט בײַ זיך שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז זי איז אַ נאַר. נאָר פיינט קריגן דאַרף ער זי נישט. זי איז זיין שוועסטער, דאַרף ער זי לערנען און פירן אויפן גלייכן וועג.

בײַ דער טיר פון בית המדרש האָט זי זיך דווקא איינגעשפאַרט, אַז זי וויל מיט אַריינגיין. אַלטערל האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ בית המדרש איז נאָר געמאַכט געוואָרן פאַר מאַנסבילן און פאַר איר איז נישט קיין שכל אַריינצוגיין און זי טאָר עס טאָקע נישט, סיידן אין דער ווייבערשער שול אין דער הויך אויפן גאַניק.

אָבער מאַריאַנקע האָט פון די אַלע רייד נישט געוואָלט וויסן. זיינע ווערטער זענען אין איר אויער אַפילו נישט אַריינגעדרונגען. זי האָט געטענהט, אַז דער טאַטע נעמט זי אויך מיט, און אַז „ווען מען טאַנצט מיט דער תורה" האָט זי געהאַלטן אין האַנט אַ פאָן מיט אַ ליכטל און מיט אַ רויטן עפּל...

און ווען ער האָט געזען, אַז זי עקשנט זיך אַזוי איין, האָט ער זי פשוט אַ שטופּ אָפּ געגעבן פון זיך און גענומען ציען די טיר צום פאַרמאַכן, אָבער איידער ער האָט די קלאַמקע צוגעצויגן, האָט ער דורכן שמאָלן אָפענעם פּאַס געזען, ווי זי שטעקט אים אַרויס די צונג.

* * *

אין בית המדרש זענען געווען אַ סך יידן און נאָך מער יינגלעך. טייל האָבן געלערנט און טייל האָבן געדאַוונט. אַ טייל טאַטעס האָבן זיך געשאָקלט איבער גמרות מיט די קינדער און אַנדערע קינדער האָבן זיך געיאָגט אַרום דעם גרויסן קאַפּלע־נעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ גלאַנצנדיקע מערב־וואַנט נישט ווייט פון דער טיר.

ווען אַלטערל איז אַריינגעקומען האָבן די ערשטע די יינגלעך, וואָס זענען אַרומגעלאָפן, זיך אָפּגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו אים, באַטראַכט אַ רגע זיינע פאות, זיין אַטלעסן קאַפּאָט־קעלע, זיינע ברייטע הויזן (אַ נס, אַז צוליב דער ברייטקייט האָט מען נישט אָנגעזען צי ער גייט באָרוועס צי נישט) און איינער פון זיי, אַ דרייסטער האָט אים דער ערשטער דער־לאַנגט שלום עליכם.

האָבן זיך שוין אַלע הענט פון די איבעריקע קינדער אַליין געשטרעקט און ער האָט אַלעמען געענטפערט מיט חשיבות: עליכם שלום. דערנאָך זענען צוגעקומען יידן, אָנגע־טאָן אין טלית און תפילין, און אַז זיי האָבן געזען ווי די יינגלעך שטרעקן די הענט, האָבן זיי אויך אַלטערן געשטעקט די הענט, און נישט קענענדיק אויסרעדן אין מיטן דאַווענען, האָבן זיי געוויזן מיט די הענט ווי שטומע, אַרויסגעקוועטשט עטלעכע אָנפרעגן מיט דעם איינעם וואָרט „נו אַ נו"? און „מה"? דערנאָך זענען אויך צוגעקומען די לערנענדיקע יינגלעך. אַלטערלן האָט שוין אויף אַן אמת פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט זיין שוועסטערל נישט אַריינגעלאָזט, אַז זי זאָל טאַקע זען ווי מען גיט אים אָפּ כבוד... ער איז אָפילו נישט געווען זיכער, צי דאָס מיינט מען אים. ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז דאָס איז זיכער זיין אַטלעסן קאַפּאָטקעלע, וואָרום מער פון אַלץ האָט דאָס קאַפּאָטקעלע געצויגן די בליקן צו זיך. אַנדערע יינגלעך האָבן עס אָפילו אָנגערירט מיט זייערע פינגער, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן איבערצייגן, צי עס איז טאַקי ריינער אַטלעס.

ווען די יידן האָבן געהאַט אָפּגעלייגט זייערע טליתים און תפילין, האָט מען גענומען איינטענהן מיט אים, ווער ער איז און וואָס ער איז? פון וואַנען קומט ער און צו וועמען איז גנקומען?

אַלטערל האָט געענטפערט ווי אַ גרויסער און בפיוון אויסגעמיטן מיט זיינע תשובות די יינגלעך, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיי קיין מגע ומשא נישט וועלן האָבן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט ענטפערן צו וועמען ער איז געקומען און נאָך וואָס. ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ טאַטן, האָבן זיך אַלע געריבן די שטערנס צו דערגיין, ווער זיין טאַטע קאָן דאָס זיין, וואָרום דעם נאָמען פון זיין טאַטן האָט ער נישט גע־ווּסט אָנצורופן.

דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער איז פון פשיטיק, האָט אים שוין פאַרשאַפט גרויס אָנזען אין זייערע אויגן, וואָ־רום, עס איז ערשט דער דריטער טאָג נאָך דער גרויסער שרפה. מען האָט אים גענומען אויספרעגן פרטים וועגן דעם פייער, און ער האָט דערציילט, ממש געמאָלן בילדער פון דעם חורבן, ווי עס וואָלט לעבעדיק אַלץ אויפגעשווומען פאַר זיינע אויגן.

דאָס רעדל האָט זיך אַלץ אויסגעברייטערט און געדיכ־טער געוואָרן. מען האָט לאַנגזאַם געוויקלט די רצועות פון די תפילין און איינגעלייגט פאַמעלעך די טליתים. אַפילו דער בעל־תפילה איז אַוועקגעגאַנגען פון עמוד און זיך איינגעהערט אין די שילדערונגען פון קינד: מעשיות וואָס ער האָט אַליין גע־הערט, בעת די ווייבער האָבן דערציילט, ווען זיי זענען גע־זעסן אויף די פעקלעך, און מעשיות, וואָס ער אַליין האָט אויסגעטראַכט דאָ אויפן אָרט.

זיינע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט און אַלעמען אַריינגע־צויגן אין זייער פייער אַריין, אַלע האָבן אים געגלויבט, ווייל עס איז געווען אַן אמת, טאַקע אַן אויסגעטראַכטער אמת, אָבער אַן אמת, וואָס האָט מיטגעריסן.

עס איז שוין געווען נאָנט צו וואַרעמס. מיידלעך און ווייבלעך האָבן זיך געשטעלט אונטער די פענצטער פון בית־

המדרש און געקלאַפּט מיט די פינגער אין די שויבן, אַרויס־רופנדיק די טאַטעס און די מענער צו עסן אָנבייסן. און אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוווּסט ווער דאָס יינגל איז, האָבן אַלע אים געוואָלט מיטנעמען צו געבן אַ מאָלצייט; מען האָט גענומען אַפילו וואַרטן ביז ער וועט אָפּדאַווענען, וואָס ער האָט געטאָן מיט כּוונה, ווי זיין טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט.

די יידן האָבן זיך דערוויילּ משער געווען, אַז ער איז אַ רבּניש קינד, אַ שאַרפער מוחל, און צוגעגעבן:

— וואָס דען, פון אונזערע חזרים־טרייבער וועט עפּעס אַרויסוואַקסן אַ לייט?

און בשעת אַלטערל האָט זיך געשאָקלט שמונה עשרה, איז אַריינגעקומען זיין פאָטער, און וועלנדיק באַווייזן פאַר דעם עולם, אַז דער אורח געהערט זיך עפּעס אָן מיט אים, האָט ער שטרענג באַפוילן אַלטערלען און מיטן שאָקלען זיך:

— היפּער נישט, יעדעס וואָרט באַזונדער?

האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטון צו אים!

— דיינער איז ער, נפתלי? מיר האָבן גאָר נישט געוווּסט, אַז דו האָסט אַ יינגל?

אויפן וועג צוריק

אין שטעטל ביי זיין טאַטן האָט מען נישט געוווּסט, אַז „אַלטער" איז זיין צונאָמען און עס איז נאָר געווען קשה, פאַרוואָס זיין טאַטע רופט אים גרשון, אָבער אַזוי ווי מען דאַרף אים דאָך פאָרט קרוינען מיט אַ צונאָמען, האָט מען אים אָנגעהויבן רופן „גר" און פון דעם איז געוואָרן „אורח".

דעם „אורחל" האָט יעדער ליב געהאַט, וואָרום זיינע חכמות האָבן גאָר קיין שיאור נישט געהאַט. אַלע חדר יינגלעך, אַלע גמרה־בחורים זיינען מיט אים געוואָרן אויסגעבונדן. אָבער אַלטערל איז עפּעס זייער פאַרטראַכט געוואָרן. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אַרויסקריגן אונטערן בית המדרש, ווו עס האָבן זיך געצויגן אין דער ווייטקייט אַריין ליידיקע בייטן. און דאָרט, ווו קיינער האָט נישט געזען און נישט געהערט פאַרזייעט זיינע טרערן.

פאַרוואָס ער וויינט, האָט ער נישט געוווּסט. אין יינגן האַרצל האָט עפּעס גענאָגט. אים איז זיס געוואָרן דער הונגער, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים זינט זיינע אויגן זענען אָפן אויף דער וועלט. אים האָט געפעלט דער הינטערן אויוון ביי דער מומע גנענדעלע מיט דעם פייכטן בינטל שטרוי און אַפילו די מסירות פון דער מומעס יינגל, וואָס האָט אויף אים אָנגערעדט אַלדאָסבייז.

ניין, אפשר נישט דאָס, אפשר נישט נאָך זיי בענקט ער? אפשר נאָך דער שוואַרצער פייגעלע, וואָס האָט אים אָנגעגאָסן

מיט אַ שעפּ וואַסער און דערנאָך אים אָפּגעוואַשט מיט אַ נייעם האַנטוך און געזאָגט, אַז זי האָט אַראָפּגענומען פון אים אַלע עבירות...

אים האָט באַנק געטאָן, וואָס די שוואַרצע פייגעלע, מיט די דיקע צעפּלעך און מיטן בלויען בענדעלע אין די צעפּלעך, זאָל דאַרפן טראָגן זיינע עבירות אויף זיך. און זיינע עבירות זענען נישט קיין קליינע.

אָט ערשט דעם היינטיקן יום־כּיפּור ביינאַכט האָט ער געמוזט גיין אָנגעטאָן אין די שיך, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין זאָקן... און דער פעטער יאַנטשע, האָט אים תּמיד געגעבן שבת נאָכצוטראָגן זיין טלית און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק געווען, האָט אים די מומע גנענדעלע מיטגעגעבן צו טראָגן איר סידור, די ברילן און אַ פּאַטשיילעכל, און אַלץ דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויפלייגן די עבירה אויף זייער יינגל, וואָס איז געווען אין איין עלטער מיט אים. אַלטערל האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ יתום, האָט מען נישט קיין רחמנות, וואָס ער וועט דאַרפן גיין אין גהינום אַריין.

ער האָט אַפילו געוואָלט זאָגן דער שוואַרצער פייגעלע, אַז ער איז איר אַזוי מוחל, און אַז זי דאַרף נישט אַראָפּנעמען פון אים די עבירות. אָבער פייגעלע איז שוין נישט געווען.

פייגעלע איז געווען אין איין עלטער מיט אים. נאָר אים האָט זיך געדוכט, אַז זי איז קלוגער. תּמיד, ווען ער איז געווען ביי איר מאַמען אין שטוב, האָט אים געשיינט, אַז זי לאַכט פון אים. און וואָס מער דאָס האָט זיך אים געדוכטן, אַלץ מער איז ער געגאַנגען צו איר מאַמען. ער האָט זיך אַפילו אין אַ דאָנערשטיק אַרויסגעגנבעט פון חדר, און איז אַרויס צו דער שטעל און אַכטונג געגעבן אינאיינעם מיט פייגעלע, אַז די שקצימלעך זאָלן נישט צעטראָגן דאָס ביסל זיסוואַרג.

אַלטערל האָט געחלומט, אַז ווען ער וועט שוין זיין אַ גרויסער און ער וועט גוט קאָנען לערנען, וועט ער זיך צעזינגען ביי דער גמרה, אַז זיין קול וועט זיך דערטראָגן צו דער שטעל מיט צוקערוואַרג, ווו פייגעלע מיט איר מוטער

וועלן זיצן און ביידע וועלן זיך איינהערן און זיך ווונטשן, אַז אַזאַ מזל זאָלן זיי האָבן, ווי אַ טייער קינד ער איז, וואָס פאַר אַ ווויל קעפּעלע ער האָט און וואָס פאַראַ זיס קולעכל ער פאַרמאָגט. דעמאָלט וועט זי שיקן פייגעלען צום בית המדרש און וועט אַריינשיקן מיט עמיצן זאָגן, אַז ער זאָל אַרויסקומען און אַהיימגיין עסן.

וועט דער עמיצער אים זאָגן: די „קאָשקעכע” האָט געשיקט ער זאָל גיין איבערכאַפּן. וועט ער זיך נישט איילן, נאָר פאַמעלעך זיך אויפהייבן, פאַרקרייזלען די פאות, אויסטאָן דעם גאַרטעל און אַרויסגיין. וועט ער גיין דורך אַן אַנדער געסל און זי וועט גיין דורך אַן אַנדער געסל, ביז ער וועט אַריינקומען צו דער קאָשקעכע. דאָס עסן וועט שוין שטיין אויפן טיש, נאָר פאַרדעקט מיטן שפּיץ-טישטוך, כדי די פליגן זאָלן עס נישט באַפאַלן. וועט ער זיך וואַשן, און פייגעלע וועט שטיין מיט אַ האַנטוך, אַט אַזאַ ווי זי האָט אים אָפּגעווישט דאָס פּנים, ווען זי האָט אים באַגאָסן קליינערהייט. ער וועט זיך אָפּווישן די שפּיץ נעגל, זיך זעצן מיט דרך ארץ ביים טיש, אָנשניידן קליינע שטיקעלעך ברויט און עסן פאַמעלעך. ביז די קאָשקעכע וועט זאָגן, אַז ער זעט שלעכט אויס און ס'איז אַ רחמנות אויף אים.

אַלטערל איז צוגעוווינט געווען, מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן און דאָ, אין דעם נייעס שטעטל ביי זיין טאַטן האָט עס אים געפעלט. די יינגלעך האָבן אים ליב געהאַט, נאָר נישט רחמנות געהאַט. זיין טאַטנס הויז האָט אויסגעזען ענג פאַר אים (גלייך ביי דער מומע גנענדעלע וואָלט אים בעסער געווען) און דאָס בית המדרש — צו פּראָסט.

איינמאָל, ווען אַלטערל איז אַזוי געטראָטן איבער די אָפּגעשניטענע ביימן הינטערן בית המדרש, און ווי זיין שטייגער אַריינגעוויינט זיין בענקעניש אין דער ערד, האָט ער געזען פון וויטנס פאָרן אַ וואָגן. ער איז צוגעלאָפן צום וועג, אַריבערגעשפּאַנט פאַרקענדלעך און זיך געבעטן מען זאָל אים מיטנעמען אַ היים.

די יידן, וואָס זענען געפאָרן אויף דער פור האָבן רחמנות געקראָגן אויף דעם יתום און אים אַרויפגענומען. גוט איינגע־פּעלצט אין שמאַטעס און געגעבן עפּעס, ער זאָל זיך אונטער־לענען דאָס האַרץ.

די טאַנדייטערס זענען געפאָרן שווייגנדיקע פונם יריד אין זיין אָפּגעברענט שטעטל. אין מיטן שווייגן האָט אים איינער געפרעגט:

— ווער ביסטו יינגל?

האָט ער שוין אַליין געענטפערט:

— דער יתום.

האָבן די איבריקע שוין פאַרשטאַנען און געשוויגן. איינער נאָר האָט פון יוצא וועגן צוגעוואָרפן:

— ווי אַלט ביסטו שוין?

אַלטערס ענטפער איז געווען ווי אַנגעגרייט:

— ניין.

די פור איז געפאָרן איבערן זעלבן וועג, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געקומען. נאָר דעמאָלט האָט זיך נאָך געזען די אָפּגעטרוקנטע גרינקייט פון פריען האַרבסט. איצט איז געווען שטאַרק נאַכט. איינער האָט ווייטער געוואָלט וויסן:

— ביי וועמען ביסטו דאָס געווען דאָ?

איינער פון דער געדיכטעניש האָט אַרויסגעזאָגט:

— וואָס, ביי וועמען? ער האָט דען נישט קיין טאַטן?

האָבן עטלעכע געוואָלט וויסן:

— ווער איז דער טאַטע?

אַלטערל האָט זיך נישט גוט געפילט, וואָס אַלע האָבן זיך גענומען פון אים שמועסן. אים האָט זיך געדוכט, אַז פון די רייד אַרום אים ווערט אים אַזוי ענג, אַז עס בלייבט נישט קיין פּיצל פּלאַץ שוין פאַר אים אויף דעם וואָגן.

דערנאָך האָט מען זיך ווידער געפרעגט אין זיין זייט אַריין:

— און וווּ פאָרסטו איצט?

אַלטערל האָט זיך געמאַכט ווי נישט צו אים רעדט מען און אויסגעמיטן אַן ענטפער.

עמיצער האָט אַרויסגעפּלאָנטערט אַ האַנט, וואָס איז

געלעגן אונטער װאַרעמע איינדעקן, און זוכנדיק אין דער פינצטער, אַנגעטאַפּט פאַרשידענע פּלייצעס, ביז ער האָט דערגרייכט אַלטערלס האַלז און אַ שאָקל געטאָן מיט אים, װי מען שאָקלט אַ ביימל, עס זאָלן אַראָפּפאַלן די צייטיקע פּרות.

אַלטערלען האָט זיך געדוכט, װי די שאָקלדיקע האַנט װאָלט געפרעגט:

— דו הערסט, װאָס מען רעדט צו דיר?

אַלטערל האָט מיט געמאַכטן געװיין אומצופרידן אָפּגע־ענטפערט:

— לאָזט מיך געמאַך!

עטלעכע שטימען האָבן דאָס װאָרט איבערגערעדט: טאַ־קע, לאָז אים געמאַך.

די טאַפּנדיקע האַנט האָט װייטער געזאָגט:

— אַז װוּ װעט מען אים אַהין טאָן. עס פעלט קאַלי־קעס אין שטאָט?

אַלטערל, כאָטש ער האָט געװוּסט, אַז דאָס רעדט מען פון אים, האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען פאַרװאָס מען רופט אים „קאַליקע". מיט די חושים האָט ער זיך אַ טאַפּ געטאָן אין די קניען, גלייך ער װאָלט זיי געװאָלט אויספּרוּװן צי זיי זענען נישט געליימט, און ס׳האָט זיך אים טאַקי געדוכטן, אַז די פיס ברעכן אים.

אַן אַנדערער האָט װידער אים פאַרענטפערט:

— ער װעט גיין צו זיין מומע.

די טאַפּנדיקע האַנט האָט זיך אַלץ געשפּאַרט:

— װער װייסט, אין װעלכן גרוב זיי ליגן?

װען אַלע זענען אַנטשװיגן געװאָרן האָט נאָך אַלץ די האַנט געטאַפּט אַרום זיך, װי זי װאָלט זיך גאָר־נישט געקאָנט איינשטילן פאַר דער עולה, װאָס אַלטערל איז באַגאַנגען דורך פאַרלאָזן זיין טאַטנס שטעטל און פאָרן אין אָפּגעברענטן העק, צונעמען דאָס שטיקל ברויט פון אונטער זיין אייגן מויל.

נאָך עטלעכע שעה איז די בויד אָנגעקומען אין „העק".

אַלטערל האָט ערשט איצט דערזען דעם חורבן. ביז איצט, האָט דאָס שטעטל געלעבט אין זיין יונגן זכרון מיט די געהויקערטע געסלעך און קרומע שטובלעך, קוימענס און פּלויטן, בערגלעך מיסט און רינשטאָקן. איצט, האָבן קופּעס זיך געשוואַרצט אין דער טונקעלניש. קליינע פלאַמעלעך, ווי אָראָפּגעפאַלענע שטערן האָבן זיך אַרויסגעשטאָכן פון די ערדישע לעכער. די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. פאַר אַלטערלען איז דאָס געווען אַן אומבאַ־קאַנטער פּלאַץ. די פאַרשוינען זענען אַראָפּגעקראָכן און זיך צעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן זיך צענויפגעגאָסן מיט דער שוואַרצ־קייט, וואָס האָט צוגעדעקט דאָס צעוואָרפענע שטעטל.

אַלטערל איז געבליבן דער לעצטער. ער האָט נישט גע־ווּוסט ווו אַיין — ווו אויס. אנשטאָט שטיבלעך, הייזקעס, זענען איצט געווען בערגלעך ערד, ווי הויכע קברים. די בערגלעך האָבן געהאַט אויסגעגראָבענע לעכער ווי טירן, פאַרהאַנגענע מיט זעק און פון אונטער די זעק האָט אַרויסגעלויכטן דער טונקעלער פלאַם פון לאָמפּן און ליכט־לאַמטערן.

אַ לאַמטערן, וואָס איז ווי געשווומען אינם חושך, האָט זיך דערנענטערט צו אים, אַליין זיך אויפגעהויבן, ווי זי וואָלט אַריינגעקוקט אין זיין פּנים אַריין און געפרעגט:

— וועמען זוכסטו?

האָט אַלטערל ציטערדיק געענטפערט:

— מיין פעטער יאַנטשע.

האָט דאָס קול, וואָס איז געשטאַנען איבער דער לאַנ־טערן צוריקגעענטפערט:

— דיין פעטער יאַנטשע? ווער ווייסט דען, וועלכער גרוב עס איז זיינער?

אַלטערל האָט זיך צעיאָמערט. האָט דער, וואָס האָט גע־האַלטן די לאַמטערן אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— קום!

איז אַלטערל נאָכגעגאַנגען. איבער ערד און בערגלעך איז ער געטראָטן. די פיס זענען יעדע ווייַלע אייַנגעזונקען און קוים מיט מי האָט ער זיי אַרויסגעשלעפּט. ער האָט

דערזען די שול און דאָס בית־מדרש. אמת, אַלץ האָט אויסגעזען, ווי פאַרענדערט. דער פּלויט איז געווען צענומען און דער פּלאַץ צעקאָפּעט. דאָך איז היימלעכער געוואָרן, די טונקעלע טויערן האָבן אָנגעווייעט אויף אים מיט אַ היימישן גרוס.

די לאַמטערן האָט אים צוגעפירט צום בית המדרש און יך אוועקגערוקט אין דער פינצטערניש אַריין.

מיט די שאַטנס

ווען אַלטערל איז אַריין אין בית המדרש איז נאָך גע־ווען היימלעך. ביי די טישן זענען געזעסן בחורים און געזונ־גען איבער זייערע גמרות. אַלטערל האָט זיך געפילט קליין און נעבעכדיק קעגן די גרויסע, וואָרום ווי קאָן ער זיך פאַר־גלייכן צו די לערנער?

עס האָט שוין געמוזט זיין גאָר שפּעט, די רעדלעך מיט יידן, וואָס ער איז אַזוי געווינט געוועזן צו זען הינטערן אויוון און אַרום בעלעמער זיינען ניט געווען. די ווענט זיינען געווען שוואַרץ און כאָטש פון דער שרפה איז דאָס בית המדרש אָפּגעהיטן געוואָרן, האָט עס דאָך געהאַט אַן אויסזען, ווי דאָס פייער וואָלט די ווענט אַרומגעלעקט.

און ווייל דאָס יינגל איז ניט געווינט געווען צו טרעפן אַזאַ ליידיקן בית־המדרש, האָט עס אים איצט אויסגעוויזן זייער גרוים און גרויס. ער איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט, מען זאָל אים דאָ הערן און זען. אָבער זיינע שיך האָבן אים פאַרמסרט. זייענדיק נאָך אין זיין טאַטנס שטעטל, האָט מען איבּ אָנגעטאָן אַ פּאָר שיך, וואָס זענען אַמאָל געווען שטיוול, נאָר אימיצער האָט אַרומגע־שניטן די כאָלעוועס. די אַרומגעשניטענע שטיוול האָבן געהאַט לעכער און די זוילן זיינען געווען צעווייקט, האָבן זיי אין זיך אָנגעזאַפּט וואַסער און שיטערע בלאָטע. דאָ אויפן דיל אין בית המדרש האָט זיך דאָס וואַסער און די שיטערע בלאָטע

דוקא געוואָלט אַרויסשפּאַרן פון די שיך און געפּלעסקעט פון צווישן זיינע פינגער...

די בחורים האָבן זיך אומגעקוקט און זיך ניט וויסנדיק געמאַכט, גלייך ער וואָלט געווען שוין זייער אַ אַלט באַקאַנ־טער. זיי האָבן זיך צעזונגען און צושריגן.

דערווייל איז אַריינגעקומען אַ איד, וואָס האָט אַליין קיין ספר אין האַנט נישט גענומען און האָט נאָך אַנדערע געשטערט, וואָרום דער איד האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ האַלבער פּלייצע צו די לערנענדיקע בחורים און מיט אַ האַלבן פּנים צו דער גרויסער ליידיקייט פון בית המדרש. ער האָט געקוקט גלייך אויף אַלטערלען און דאָך אַלטערל האָט נישט געקאָנט וויסן צי זעט ער אים צי נישט.

באַלד האָבן די בחורים איינציקווייז אויפגעהערט צו לערנען. צום ערשט איז אָפּגעשטאַנען איינער, דערנאָך אַ אַנ־דערער, און באַלד האָבן זיך אַלע צענויפגעטוליעט איינער לעבן צווייטן און מ׳האָט אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות.

אַלטערל האָט זיך צוגערוקט און אונטערגעהערט. און דערציילט האָט מען אַלץ וועגן דער שרפה. צום ערשט זאַכן, וואָס לייגן זיך אויפן שכל און מען קאָן זיי פאַרשטיין און צו וואָס אַלע זיינען מסכים. אַזוי למשל האָט מען דערציילט, אַז אַ באַנדע גזלנים, וואָס האָבן געוואָלט אויסליידיקן דאָס שטעטל, האָבן עס אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן, און ווען עס האָט שוין געפלאַקערט, זיינען זיי אַריינגעקומען און גענומען זייער זאַק־רויב און אַוועק. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דאָס איז איבער די רשעים, וואָס עסן אומגעדאַוונט און לייגן זיך שלאָפן אָן קריעת שמע לייענען.

פון די מעשיות איז מען איבערגעגאַנגען צו נסים, און דאָן וועגן דעם נס, וואָס די גאַנצע שול־גאַס איז פאַרברענט געוואָרן, דער פּאַרקן פון אַרום דעם בית המדרש, די באָד און דעם רב׳ס הויז, און נאָר די שול און דאָס בית המדרש איז גאַנץ געבליבן. דער איד האָט דערציילט, ווי אַזוי די פלאַמען האָבן שוין געלעקט דעם דאַך פון דער שול, זיינען געקומען

טויבן צופליען און אַרומגעקרייזט דעם פייער, האָבן זיך די פלאַמען אָפּגעקערט, גלייך אַ ווינט וואָלט זיי אָוועקגעבלאָזן און אַ וואַסער וואָלט זיי פאַרטריבן, און ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך שוין געהאַט אויסגעגליט, האָט עס די היילי־קע הייזער גאָרנישט געשאַדט.

דער ייד, וואָס האָט דאָס דערציילט, האָט שוין געהאַט עטלעכע מאָל געביטן זיין נוסח. איינמאָל האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַליין געזען די טויבן, איינמאָל – אַז מען האָט דאָס דערציילט, ווידער אַמאָל – אַז אַנדערע האָבן דאָס געזען און איצט האָט ער שוין צוגעגעבן אויף זיכער, אַז ער ווייסט ווער די טויבן זיינען און ער האָט אָנגערופן עטלעכע פרומע נשמות, וואָס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן אין שטעטל און אויך דעם נאָמען פון אַלטערלס מאַמען צווישן די, וואָס האָבן זיך געמיט. .

אַלטערל האָט פאַרשטאַנען און ס'האָט אים זייער באַנג געטאָן, וואָס ער האָט נישט געזען די טויבן, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען זיין מאַמע.

דער שמועס האָט זיך געצויגן מאַנאָטאָן און פאַרטיפט, אַלעמאָל אין מיטן ריידן האָט אַן אַנדער בחור געטאָן אַ זינג אַרויס אַ מזמור פון דער גמרא, אַזוי זיך פון אויסנווייניק, ווי ער וואָלט אויסגעפּרווּוט צי זיין קול איז נישט אַנטשלאָפן גע־וואָרן, אָבער גלייך נאָכן אויפגעבליצטן ניגון, האָט מען ווידער געשמועסט און אויפסניי דערציילט מעשיות.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבן אַ היים־גיין. מען האָט פאַרמאַכט די גמרות און דאָס פאַרמאַכן האָט אָפּגעהילכט אין ליידיקן בית המדרש ווי אַ אָנגעבלאָזענער באַלאָן וואָלט גע־פּלאַצט. אַרויסגעגאַנגען איז מען ניט מיט אַמאָל, טייל האָבן דאָ געלייענט קריעת שמע, טייל האָבן אָנגעצונדן לאַמטערלעך און דער ייד האָט נאָר פּשוט מיטגענומען אַ נאַפט־לאָמפּ.

איז אַלטערל געבליבן איינער אַליין. ער האָט זיך צוגעצ־טוליעט צום אויוון, גלייך ער וואָלט געזוכט וואַרימקייט און שוץ. ער ווייסט ניט ווער עס איז אַריינגעקומען, נאָר אין עטלעכע רגעס שפּעטער ווי דער לעצטער בחור איז אַרויסגע־

גאַנגען האָט זיך די טיר געגעבן אַ רייס אויף און באַלד אַ פּאַרמאַך מיט אימפּעט.

ער איז אַוועק פון אויוון און זיך דערנענטערט צו די טישן, ווו עס האָבן נאָך געברענט עטלעכע נאַפט-לאָמפּן, אָנ־געהאָנגען אויף דראָטן. ער האָט אויפגעעפנט אַ גמרא, און כאָטש ער האָט נישט גוט געקאָנט, האָט ער זיך צעזונגען מיט אַ ניגון, וואָס האָט זיך אָנגערופן אין אים. וואָס מער די אימה איז געשטיגן אין אים, אַלץ הילכיקער האָט ער זיך צעלערנט, און וואָס מער די שרעק איז געוואַקסן, אַלץ גרעסערע שאָטנס האָבן זיך צעוויגט אויף די ווענט. ער האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן דעם קאָפּ און אַרויסגראָבן די אויגן פון די בלע־טער אַרויס. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איבער אים שטיי־ען עפּעס מחנות און ווילן אים פאַרבלענדן, און אַז איבער די פּאָליצעס שאַרט זיך אימיצער און מישט די בלעטער און קנאַקט אַרויס דעם שטויב פון די גמרות...

אין ווינקל, ניט ווייט פון דער טיר איז געשטאַנען אַ פּיור מיט אַ האַנטפאַס, פון די רערלעך האָבן כסדר טראָפּנס וואַסער אַראָפּגעטריפט, און יעדער טראָפּן וואַסער האָט אָפּגע־קלונגען ווי מיט אַ פּחד־גלעקעלע אין זיין הארץ. יעדער טראָפּן האָט זיך אויסגעוויזן איז עפּעס אַנדערש. דאָ מאַרשירן זיי ווי זעלנער און טאַנצן ווי קונצנמאַכער. אין יעדן טראָפּן האָט ער דערקענט אַ אַנדער געשטאַלט, אַ אַנדער פּנים. דאָ אַ אויסגע־קרומט און דאָ אַ אָנגעבלאָזן, דאָ דאַכט זיך אים ווי אין דער לופט איבער זיינע אַקסלען פייפן בייטשן, לאַכן מיט אַזאַ שניידנדיקן געלעכטער און דאָ זעט ער די גזלנים מיט רויטע קאַפּלעך און גרינע גאַרטלען רייטן אויף פערד מיט שטורקאַצן אין די הענט...

דערצו נאָך האָבן אָנגעהויבן אויסצוגיין די לאָמפּן, די קנויטן האָבן אויסגעלעקט ווו נאָר עס איז געווען אַ טראָפּן נאַפט אין די גלעזערנע באַניעס. האָט זיך דאָס פייער קאַפּוי־ערגעכאַפּט, אויפגעטאַנצט און זיך אונטערגעטונקען. אָבער באַלד האָט זיך דאָס פלעמל אויפגעכאַפּט, אַ קוק געטאָן אויף דער וועלט און אונטערגעזונקען.

האָט אַלטערל דערפֿילט די סכּנה, אַז ער וועט בלייבן אין דער פֿינצטער. ער האָט, נישט אָוועקנעמענדיק זיינע אויגן פֿון טיש, צונויפֿגענומען עטלעכע לאָמפּן אויף איין פּלאַץ, אַראָפּגעשרויפֿט איינציקווייז די ברענערס און דאָס ביסעלע נאַפֿט פֿון יעדן לאָמפּ, צונויפֿגעגאָסן אין איינעם און אַזוי אַרום איז געוואָרן אין איין לאָמפּ אַ קנאַפּע האַלבע באַניע מיט נאַפֿט.

פֿון שרעק, אָנשטרענגונג און ציטער ער זאָל נישט פֿאַרגיסן, איז ער געוואָרן פֿאַרמאַטערט און שלעפֿעריק. אָבער ער האָט מורא געהאַט צו שלאָפֿן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ האַנט־פֿאַס און אַ וואַש־בעקן, פֿונדעסטוועגן האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס פֿויקט מען ערגעץ ווייט ווייט...

איין רגע האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע אויגן צו די פֿענצטער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ מילכיקע ווייסקייט שטייט דאָרטן און שוואַרצע ביימער וויגן זיך אין דער ברייט הין און צוריק, הין און צוריק. האָט עס אים נאָכמער אָנגעשראָקן און ער האָט זיך צעלערנט.

אַלע מעשׂיות, וואָס חדר־יינגלעך האָבן אים אָנדערציילט, זענען איצט אויפֿגעשטאַנען אין זיין זכּרון, ווי לעבעדיק. דאָ האָט ער געזען פֿערד, וואָס קריכן אויף די בייכער, ווי שלאַנגען, און דאָ זעט ער הינט, וואָס פֿליען ווי פֿייגל, און צווישן זיי — טויבן. טויבן קרייזן אַרום דער שול, אַרום דעם בית־המדרש. שטעלן זיך אויפֿן דאַך. שווימען אַריין דורכן קוימען אין אויוון. אָט דאַכט זיך אים ווי זיי פֿלאַטערן דאָרט אַרום מיט זייערע פֿליגל, אָט קומט איינע אַרויס. שטעלט זיך אויפֿן בלאַט גמרא פֿאַר אים. וואַקסט אויס, הויך, ביז דער סטעליע, צעשפּרייט די פֿליגל, ווי לאַנגע הענט, און נעמט אים אַרום, דריקט אים צו זיך. ער פֿילט ווי זיין באַק רירט זיך צו צו עפּעס ווייכס און וואַרעמס. נישט אַזאַ וואַרעמקייט וואָס מען קאָן אָנטאַפּן, נאָר צו וועלכע מען טוליעט זיך צו...

אַלטערל איז נישט געשלאָפֿן. ניין, וואָרום ער לערנט דאָך. ער הערט דאָך ווי זיין ניגון פֿאַרשלינגט די טריט, וואָס גייען אַליין אַרום איבער דעם בית־המדרש און די הענט, וואָס

שאַרן זיך איבער די פּאָליצעס. און וואָס האָט ער מורא צו האָבן, אַז דאָס איז דאָך אַ מקום קדוש, אַז עס איז פאַראַן אַ אָרון־קודש מיט ספר תּורות... וואָס? איז ער דען אין שול? דאָרט איז עפּעס אַנדערש, דאָרט קומען מתים. זיין רבי, דער תּלמוד־תּורה מלמד האָט עס אים דערציילט און דערפאַר שלאָגט מען דאָרט נישט אָן קיין מזוזות... אָבער דאָ זענען דאָך פאַראַן מזוזות...

און וואָס מער ער טראַכט פון זיין זיכערקייט, אַלץ מער קריכט עפּעס פאַר זיינע אויגן. טאַקע די שול. דווקא די מתים. און כאָטש ער ווייסט, אַז דאָ איז ער באַשיצט, איז אָבער די שול אינגאַנצן אַ צווייי שפּאַן פון דאַנען און דאָרט טוט זיך איצט דאָס רעכטע און געדיכטע. מען רופט אויף צו עליות און מען טאַנצט מיט דער תּורה... ער שטייט דאָך גאָר אויף אַ שטענדער און ציטערט און איבער אים הענגט אַ טויב, אַ גרויסע טויב, ווי דער מעשענער אָדלער איבער דעם בעלעמער. די טויב האָט ברייטע פליגל און ער איז אונטער די פליגל. און אַז ער הויבט אויף די ברעמען זעט ער אַ פּאָר גוטע אויגן קוקן אויף אים. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דאָס פּנים און נישט די אויגן. דאָס איז זיין מאַמעס. און ווייל ער איז קיינמאָל נישט געוווינט געוועזן צו ברענגען דאָס וואָרט מאַמע אויף די ליפּן, האָט דאָס וואָרט אַליין אים אויסגעזען פרעמד, כאָטש עס האָט אים אַזוי געגלעט...

— — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן איז נאָך געווען שטאָק פינסטער ווען דער שמש איז געקומען עפענען דאָס בית־המדרש, כאָטש מען האָט עס נישט געשלאָסן. ער איז אָבער אָפּגעטרעטן אויף צו־ריק, ווען ער האָט געזען ווי עפּעס אַ מענטשישע זאַך ליגט אויף דער באַנק, נעבן אים אויפן טיש אַן אָפענע גמרא און אַן איבערגעקערטער לאָמפּ, און אַ גליק נאָר, וואָס אין אים איז נישטאָ קיין נאַפט, אַנישט וואָלט דאָס בית־המדרש אַוועק־געגאַנגען אין פלאַמען.

דער ניגון

דער אָנהויב ווינטער האָט זיך איינגעגעסן צווישן אַל־טערס פינגער פון די פיס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געמאַכט ווינטערביילן. כאָטש קיין פראָסט איז נאָך נישט געווען און דער שניי, וואָס איז געפאַלן איז צעשוואומען אין אַ דינער, דורכזיכטיקער בלאָטע, זענען אים די הענט אויפגעלאָפן ווי רויטע, מיט לופט אָנגעבלאָזטע קישעלעך...

נאָר סיי ווי איז קיין תּכלית נישט געווען פאַר אים צו בלייבן אין שטעטל, וואָרום די מענטשן זענען געווען פאַר אים ווילד פרעמד. יעדער איז געווען פאַרחושכט און די דאגה האָט אַרויסגעפינצטערט פון זייערע אויגן.

דעם פעטער יאַנטשע האָט ער כמעט ווי נישט געזען און נאָר איינמאָל האָט ער געטראָפן די מומע גנענדעלע מיט איר מיידעלע, ראָכטשע, ביידע האָבן אויסגעזען אַלץ איינס די גרויס. די מומע איז געווען אַ נידריקע מיט קורצע פיס און ראָכטשע איז אַלט געווען מיט צוויי יאָר ווינציקער ווי ער, נאָר זי איז שוין געווען אַ פאַרדינערין און אַן אַרויסהעלפערין. זי האָט געטראָגן גלייך מיט דער מאַמע אַ באַניע מיט נאַפט צום פאַרקויפן און זיך מיטגעשלעפט איבער די אויסגעגראָבענע קעלערס, ווו מענטשן האָבן געוווינט נאָך דער שׂרפה.

די מומע האָט אים דערזען און אַ זיפץ געטאָן, דערביי געגעבן אַ קניפּ איר מיידעלע, זי זאָל זיך נישט פאַרגאַפיען און ווייטער גיין. איר טעכטערל האָט אָבער נישט באַנומען, וואָס

דער קניפּ באַטייט און זיך דוקא אומגעקוקט. דאַמאָלט האָט שוין די מומע אים געפרעגט:

— ווו ביסטו געשלאָפן?

האָט אַלטערל געענטפערט ווי מיט גדלות:

— אין דער ווייבערשער שול.

האָט די מומע אַ שאָקל געטאָן מיט דער גאָמבע, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען זיין גרויסקייט, וואָרום שלאָפן אין דער ווייבערשער שול איז נישט געווען קיין קלייניקייט. דאָרטן האָבן זיך „אריינגעצויגן" די שיינע מענטשן, דער רב און דער דיין, דער שוחט און דער חזן. און נישט אַליין נאָר מיט זייערע איינענע. ווען דעם האָט שוין באַצייטנס געזאָרגט דער שמש, וואָס האָט גלייך אויף צומאָרגנס נאָך דער שרפה אויפגעהאָנגען אַ טאָפּעלטן שלאָס אויף דער טיר פון דער ווייבערשער שול, ווייל ער האָט זיך משער געווען, אַז באַלד וועט ווערן אַן אָנגעלויף, ווי נאָר מען וועט געוואָר ווערן, אַז די שול איז ניצול געוואָרן. אַזוי איז טאַקי געווען. ווען נישט ער, דער שמש, וואָס האָט באַצייטנס צונויפגענומען דעם רב'ס בעבע־כעס און זיי אַרויפגעטראָגן אין עזרת נשים, וואָלט דאָרט גע־ווען אַ גאַנצער יריד...

דער רב האָט נישט געקאָנט מעיז פנים זיין דעם דיין און דער דיין — דעם שוחט און דער שוחט ווידער — דעם חזן, וואָרום נאָכאַלעם דינען זיי אַלע ביי קהל און בפרט, ווען אָרט איז פאַראַן גענוג. האָט יעדער געברענגט זיין ביסל „צרות", וואָס מען האָט אַרויסגעראַטעוועט פונם פייער און זיך איינגענעסט.

פון אַלטע טישטוכער און פרוכתן האָט מען געמאַכט אַ מחיצה פאַר די ווייבער. אָבער סיי ווי איז אין יעדן ווינקל געווען אַ באַזונדער באַלעבאַטישקייט. פרייטיק צו נאַכטס האָבן זיך אויף פיר באַזונדערע שטענדערס געברענט ליכט, וואָס די ווייבער האָבן אָנגעצונדן צו ליכט־בענטשן און ווען פון איין ווינקל האָט איינער געמאַכט קידוש, האָט מען פון אַנדערן אָפּגעענטפערט אמן...

אַלטערלען האָט דער שמש אַרויפגעבראַכט נאָך דעם, ווי ער האָט אים געפונען אין בית המדרש אַ פאַרחלשטן. צום ערשט האָט דער שמש געמיינט, אַז ס'איז שוין נאָכאַלעם און אַפילו אין דער ערשטער רגע געטראַכט, אַז עס איז אַ זכיה פאַר דער מאַמען אין קבר, וואָס זיין נשמהלע איז אויסגע־גאַנגען אין בית המדרש בעת זיין האַנט איז געלעגן אויף אַן אָפענעם ספר. אָבער ווען ער האָט דעם יינגל גענומען שלעפן, האָט ער דערפילט ווי דער יתום כּוט אַ צאַפּל. דער שמש האָט דאַן גענומען רייבן די שלייפן ביים יתום, ביז ער האָט געעפנט די אויגן.

ווען דער שמש איז אַרויס פון בית המדרש, האָט ער באַגעגנט דעם רב, וואָס איז געגאַנגען צום טייך זיך טובל זיין, מחמת די מקוה איז פאַרברענט געוואָרן. דאָ האָט אים דער שמש דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דער רב זיך גע־חידושט, ווי מען פאַרגעסט עס אין אַ קינד; דערנאָך האָט ער געפרווט געוואָר ווערן ווער דאָס יינגל איז, ווער ס'איז זיין פאָטער און גאָר דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען און גע־הייסן דעם יינגל אַרויפטראָגן „צו זיך" און די רביצין וועט אים שוין געבן אַ לעפל וואַרים וואַסער אין מויל אַריין...

פון דאַמאָלט אָן איז אַלטערל שוין געבליבן אין דער ווייבערישער שול. ער האָט זיך געהאַט זייגס אַ ווינקל, לעבן בערגל מיט זאַמד, וווּ עס וואַלגערן זיך, ווער ווייסט פון ווי לאַנג, גאַנצע הויפנס מיט שמות און נישט אויסגעברענטע שטיקלעך יאָרצייט און יום־כּיפּור ליכט, חלב און טריפעניק.

די ערשטע עטלעכע טעג האָט זיך קיינער פון די פיר מאַנסבילן נישט אומגעקוקט אויף אים. איינמאָל, ווען ער האָט געמאַכט הויך אַ המוציא איבער אַ כּזית ברויט, האָט עס אַל־טערלען זייער הנאה געטאָן, וואָס ד'ער רב אַליין זאָגט נאָך הויך און דייטלעך אמן. ער האָט זיך גענומען אויספירן „ליי־טיש" געדאַוונט פון פאָרנט און מיטגעפּאַנגען צו מנין אין שול אַריין, כאָטש מען האָט אים סיי ווי נישט געקאָנט מצרף זיין, ווייל וויפל מישטיינסגעזאָגט איז ער אַלט געווען?

אַז דער רב האָט באַמערקט זיין פליסיקייט, האָט ער אים איינמאָל פאַרהערט, צי ער קאָן אַ פּרשה חומש און שפּע־טער האָט אַלטערל אַליין געהערט ווי דער רב האָט געזאָגט צום חזן, אַז דאָס ייִנגל האָט אַ געשליפן קעפּעלע און ס׳איז אַ שאָד, וואָס ער וואַקסט אויס אַזוי ווילד־הפקר.

האָט דער חזן, כּדי זיך איבערצוצייגן אין רב׳ס רייד, אים איינמאָל אָפּגעוואַרט אויף די שטיגן פון דער ווייבערישער שול און אים געפרעגט צי קאָן ער זינגען?

אַלטערל איז מבֿלבּול געוואָרן פון דער פּלוצומדיקער פראַגע און קוים געענטפערט:

— איך ווייס?

דער חזן האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אויספירן איבער אים אַ פאַרברעך און ווי באַפוילן:

— לאָמיך הערן!

אַלטערל איז געשטאַנען אין אַ ענגעניש, ער האָט גע־זוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך אַראָפּצוּלאָזן פון די שטיגן און צו דער אייגענער צייט האָט ער געוואָלט בלייבן און געוואָלט זען, וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

דער חזן האָט זיך איצט ווי געבעטן:

— לאָמיך הערן, שעם זיך נישט, אַז וועסט קאָנען, וועט דיר גוט זיין.

ער איז מיט אים אַראָפּגעגאַנגען נאָך דריי טרעפּ, כּדי מען זאָל דאָרט אויבן נישט דערהערן, אַרויסגעשלעפּט פון דער הויזנקעשענע דעם קאַמערטאָן, אַ קלינג געטאָן איבער דעם אָנלען פון די טרעפּ און אַליין אָנגעהויבן צו ציען אַ טאָן „אַאַאַ־אַ״ און ציענדיק דעם קאַמערטאָן אין דער לופט צו זיך, ווי ער וואָלט אַרויסגעצאָפּט ביים ייִנגל אַ קלאַנג, האָט ער צוגעגעבן:

„מאַך אַזוי — — — —אַאַאַ— — —אַ...״

אַלטערל האָט נישט געוווסט, וואָס מיט אים טוט זיך, ער האָט נאָר געפילט, ווי עפּעס אַ שפּאָל מיט אָפּגעקאָכט בלוט גיסט זיך אויף זיין פּנים און די הויט בריט דערפון.

ער האָט, ווי דורך אַ דיקער וואַנט, געהערט זיין קול מיטציען דעם טאָן, נאָר ער האָט עס נישט דערקענט. און צוזאַמען מיט זיין ציען דעם אָטעם, זינגנדיק אַאַאַ---אַ, האָט ער געהערט, ווי דעם חזנס וואָרט האָט זיך כסדר אַריינגעשטאָכן:

— גוט אַזוי, גוט... גוט. אַ קול'כל. — און דער חזן איז אַראָפּ פון די טרעפּ, איבערלאָזנדיק אים ברענען אין די פלאַמען, וואָס האָבן פאַרגאָסן זיין פּנים.

ווייטער האָט שוין אַלטער גאָרנישט געהערט פונם חזן, כאָטש אַ נייער באַגער האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרצל. עפּעס אַן אומבאַקאַנטע ליכטיקייט האָט אים פאַרגאָסן, אַ ניגון האָט זיך געשטעלט אין זיין האַלדז און האָט זיך געריסן פון אים, זיך געשטעלט אויף זיינע ליפּן און נישט געוואָלט אַראָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער ניגון מוז אַרויס פון אים, מוז אַרויסוויינען פון זיינע אויגן. ער איז געגאַנגען הינטער דער שול און געוויינט און אין געוויין געהערט, ווי דאָס געזאַנג רייסט זיך פון אים.

ער האָט זיך געדרייט נעבן חזן, געוואָלט אַרויסקריגן פון זיינע אויגן יענעם אומבאַקאַנטן באַשייד, וואָס איז געלעגן אים וואָרט „גוט אַזוי, גוט, אַ גוט קול'כל", נאָר פאַרוואָס שווייגט ער, דער חזן, דער אכזר? אַז זיין גאַנץ וועזן שמאַכט אַזוי נאָך אַ וואָרט, וואָס זאָל גרינגער און לייכטער מאַכן...

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט דאָ נישט לאַנג, אויף די ימים טובים, איז דער אייגענער חזן נאָר וואָס געהאַט אָנ־געקומען. געקומען איז ער נישט אַליין, נאָר מיט משוררים, בלייכע ייגגלעך מיט לאַנגע פּאות, געקרייזלטע און גלאַטע, טייל פּאות זענען געהאַנגען איבער די באַקן, ווי שרויפּנציערס און טייל זענען געווען אַרונטערגעלייגט אונטער די אויערן „פּאַצעטיש", טייל יינגלעך האָבן געטראָגן שניפּסלעך און אַנ־דערע ווייסע קעלנערלעך מיט שוואַרצע שלייפלעך... און אַלע יינגלעך, משוררימלעך זענען געווען עפּעס אַזוי סודותדיק און זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די היגע יינגלעך, ווי גרויסע מענטשן. ער, אַלטערל, איז געשטאַנען אויפן בעלעמער, ווי

פֿאַרשטעקט אין גבאים־גאַרטל, און זיך צוגעקוקט און זיך צוגעהערט צו דעם זינגען פֿון די משוררימלעך. ער געדענקט נישט צי עס איז אים געפֿעלן, צי האָט ער אַ הנאה געהאַט פֿון דעם זינגען, ער איז גיכער געווען פֿאַרטאָן אין די יינגלעך גופֿא, ער האָט באַטראַכט יעדנס הולך און יעדנס תנועה. נאָר ערשט איצט, מיט אַזוי פֿיל צייט שפּעטער, איז דאָס געזאַנג פֿון יענע משוררים, וואָס זענען גלייך אַוועק נאָך יום כּיפּור, געקומען צו שוועבן צו זיינע אויערן.

ער איז אַדורכגעגאַנגען איבער די ליימיקע פֿעלדער, איבערן נאַסן שניי און זיך איינגעהילט אין אַ אויסטראַכטעניש, אַז ער איז איינער פֿון יענע אומבאַקאַנטע יינגלעך, וואָס זינגען ביים חזן און עמעץ אַ אַנדערער אויף זיין אָרט שטייט אויפֿן בעלעמער און קוקט זיך צו... שפּעטער האָט אים זיין פֿאַנטאַזיע נאָך ווייטער געפֿירט, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן און קומט צוריק אין דעם שטעטל מיט אַ אַנדער חזן, און ער זינגט, און אין דער ווייבערשער שול שטייט זיין מומע גנענדעלע און ווייסט נישט, אַז ער איז ער, און דער פֿעטער יאַנטשע אונטן, דערקענט אים און גריסט זיך מיט אים פֿאַר אַלע יידן... ער גיט אים אָפּ שלום און פֿאַרבעט אים אויף קידוש, נאָר ער גייט נישט, ווייל דער רב האָט אים שוין פֿאַרבעטן... דעם פֿעטערס יינגל חיים שטייט און האַלט אַ פֿינגער אין מויל און שעמט זיך צו רעדן... און שפּעטער, ווען ער איז שויז ביים רב קומט אַריין די שוואַרצע פֿייגעלע. זי איז שוין גרויס און דינט ביי דער רביצין. זי דערלאַנגט אים וואַסער צו וואַשן און — דערקענט אים. ער טאָר שוין אָבער נישט אויסריידן, ביז ער וועט מאַכן אַ המוציא. מיינט זי, אַז ער וויל נאַרנישט זאָגן, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און דער שוואַרצער צאָפּ פֿאַלט אַפּיר אויף איר האַרץ, ער קוקט און זוכט דאָס סטענגעלע, נאָר ס'איז שוין נישטאָ. טוט עס אים באַנג, גייט ער צו צום טיש, טונקט איין דעם כּזית חלה אין זאַלץ...

און כּדי זיינע פֿאַנטאַזיעס זאָלן האָבן עפּעס אַ אָנהאַלט, האָט ער זיך געמאַכט אַ ליאַלקע פֿון שטיקלעך שמאַטעס, וואָס

ער האָט געפונען אויף די שניידערשע מיסטן. די ליאַלקע איז געווען ע ר. אַלטערל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט איר איבער וויסטע וועגן. ער האָט געזונגען הויך און געשמאַק און זיך איינגערעדט, אַז דאָס זינגט די ליאַלקע. אים האָט נישט געאַרט, וואָס די שיך זענען איינגאַנצן צעווייקט געוואָרן און אָנשטאָט אויף זוילן האָט ער זיך געטראָגן אויף דער הוילער ערד, אַבי די ליאַלקע האָט געהאַט „שיך" וואָס ער אַליין האָט געמאַכט פון שטיקלעך לעדער. די ליאַלקע האָט געהאַט אַ סך, אַ סך מלבושים און זיי האָבן איב, אַלטערלען געוואָרימט. קיינעם אין שטעטל האָט ער סיי ווי נישט געהאַט. די חברים זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, האָט ער מיט דער ליאַלקע אויסגעפאַנטאַזירט זיינע חלומות, וואָס האָבן זיך געגומען וועקן און רייסן אין אים.

איינמאָל האָט אים באַגעגנט דער שמש, דאָס איז געווען ווייט שוין פון שטעטל, אפשר דריי וויאָרסט אויפן גראָכאָווער וועג. דאָרטן זענען געשטאַנען שטיבלעך, וואָס זענען נישט פאַרברענט געוואָרן און עס האָבן אין זיי געוווינט די שטעטלדיקע גוים. ווען זיי האָבן געהערט אַ געזאַנג, זענען די גויעס אַרויסגעלאָפן און זיך געשטעלט ביי די נידריקע פלויטן און איינגעהערט. זיי האָבן געזען ווי אַ קליין „יידעלע" גייט זיך און קלינגט מיט זיין מיילעכל, ווי דאָס דינע גלעקעלע אינם טומאהלע אויפן בערגל. טייל פון זיי האָבן פאַר מתיקות אָפגערייצט די הינט אויף אים... און ווען נישט דער שמש, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך געגאַנגען איבער די דאָרפישע שטי־בער און אויפגעקויפט אַלטע אייזערנע טעפּ און בכלל אַלטע שטיקער אייזן, וואָלטן אים די כּלבים געווען צעריסן.

דער שמש האָט אים אָפּגעשטעלט, אים אויפגעוועקט, איבערגעריסן זיין ניגון, וואָס האָט אים ווי איינגעהילט אין אַ גילדענעם חלום. און באַמערקנדיק, אַז ער האַלט אין האַנט אַ ליאַלקע, האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— פע, אַ אָפּגאָט גאָר? און בלעקעכצט צו דעם? פע!...

ביים רופא

אַלטערל האָט זיך פון שמשס פאָרוווּרף פאַרשעמט, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי עפּעס נישט קיין שיינע מעשה. ביי אים איז עפּעס דערשטיקט געוואָרן אין האַלדז. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אויסגעלאָשענער. זיין באַגער צו דער ליאַלקע, האָט ער אויך שוין מער נישט געהאַט און דער חשק צו דאַווענען מיט אַ ניגון אָדער צו לערנען זיך מיט געזאַנג אינאיינעם מיט די גרויסע בחורים — איז אויך אויסגעריננען.

אַלטערל האָט אָנגעהויבן צו פילן די שווערע טעג אויף זיין יונגן גוף. דער רב האָט זיך וועגן אים נישט וויסנדיק געמאַכט און דער חזן האָט אים כמעט ווי נישט באַמערקט.

עס איז געקומען עפּעס אַ שבת, ווען דער חזן האָט צו־נויפגענומען עטלעכע יינגלעך, משוררימלעך, אָבער אַלטערל האָט דערפילט די פאַלשקייט פון זייערע טענער. הערנדיק די ניגונים האָט ער זיך פאַרקרימט, און וועלנדיק אויף זיין שטיי־גער אויסדריקן דעם ביטול צום חזן און זיינע משוררים, האָט ער אויסגעבלעזט זיין צונג.

דאָס האָט באַמערקט שמעון קישקע, די „גאָלע מאָרדע", דער פעלדשער, אָט דער, וואָס גייט אַפילו ווינטער אין אַ קורץ רעקל, און אויף וועמען די חדר־יינגלעך האָבן שוין לאַנג אַ בייז האַרץ, ווייל אפשר צוליב אים געשעט אַלדאָס בייז אין שטעטל. אָבער אַזוי ווי ער איז אַ רופא, האָט ער אַ באַזונדערע זכיה, וואָס דער מלאך רפאל גייט מיט ביי זיין

רעכטער זייט, און ווי באַלד דער מלאך רפאל שעמט זיך נישט מיט אים צו גיין, פאַרקוקט מען, וואָס ער האָט אַ גע־גאַלטע מאָרדע און מען לאָזט אים אַריין אין שול...

ווען שמעון קישקע האָט באַמערקט, ווי דער „לאָבוז" שטעקט אַרויס אַ צונג דעם חזן, איז דאָס אים זייער געפעלן און ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אויער און אַזוי לאַנג גע־צויגן, אַז דעם אָרימען יינגל האָט זיך אויסגעוויזן, שמעונס פינגער זענען אָנגעגליטע שפּיזלעך. שמעון האָט אפשר אויך געהאַט בדעה אַלטערן אָפּצושייגעצן, אָבער ער האָט אים נאָר געפרעגט, פאַרוואָס ער לאָזט זיך וואַקסן אַזעלכע לאַנגע האָר און דערנאָך ווי מיט חוזק צוגעגעבן „וועמענס טאַטע ביזטו?". דער רופא האָט אַליין געלאַכט, וואָרום די יידן זענען געשטאַ־נען איינגעהילט אין די טליתים. פאַרפינצטערטע און געשפּיגן פון זיך געדיכטע, בלווילעכע פאַרע פון קעלט.

שמעון קישקע האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אַלטערלען, צי ער האָט אים פריער געקאָנט צי נישט. דאָס ווייסט נישט אַלטער. נאָך „כתר" האָט דער רופא דער ערשטער אויסגעשפּיגן, אַ סימן אַז ער האָט שוין געהאַלטן ביי עלינו און איידער מען האָט געזאָגט מודים האָט ער שוין געהאַט אָפּגעשאָקלט מיטן קאָפּ „גוט שבת" און אָנגענומען אַלטערלען ביי די געדיכטע האָר און אים אַרויסגעפירט. אין דרויסן האָט ער אים געגעבן צו טראָגן זיין טלית (וואָס איז געווען איינגעלייגט אין אַ גרין סאַמעטן טלית־זעקל, חי אַ דייטש...), זיין גאָלדענעם זייגער (מיט אַ גרויסע קייט פון בלויז אימפעריאַלן). דערנאָך האָט ער אים אָנגענומען ביי אַ האַנט און מיט אים געשפּאַנט איבער די בלאָטעס, וואָס האָבן שוין געהאַט איבער זיך אַ הייטל פון אַ ווייס פרעסטל.

ער האָט אים אַריינגעפירט צו זיך, אין אַן אויפגעשטעלט שטיבל פון געהיבלעוועטע ברעטער. אינעווייניק איז אַפילו גע־ווען אַ דיל און דאָרט זענען געשטאַנען שפּיגלען און אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט בינטלעך האָר, ווי פון אויס־געפליקטע בערשטלעך. אַלטערלען איז געפעלן אי וואָס דאָ איז

אזוי וואָרים און אַי וואָס די געזעלן גייען אַרום מיט די בלויזע קעפּ און פייפן, כאָטש עס איז שבת.

שמעון רופא האָט געמאַכט קידוש, ביים עסן האָט ער זיך אויסגעטאָן דעם צילינדער און ווי די געזעלן, אויך געבליבן אין בלויזן קאָפּ. אַלטערלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט אָט וועט ער דערשטיקט ווערן, אָבער געפעלן איז עס אים פּאָרט, קיין יידענע האָט ער נישט געזען, כאָטש דער טיש איז געווען געגרייט מיט אַלעם גוטן. שמעון האָט אַכטונג געטאָן, אַז דאָס יינגל זאָל נישט לייגן אונטערן אויער און אַלטערל האָט טאַקי געגעסן מיט אַפּעטיט, כאָטש עס האָט אים נישט באַקומען. אָבער אין מיטן עסן, אומגערעכט, האָט זיך די גאַלע־מאָרדע אָנגערופן:

– איך האָב געהערט, אַז דו קאָנסט זינגען. ס'איז אמת?

אַ נו – לאָמיך הערן.

אַלטערל האָט אָנגעהויבן עסן פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט מיט דעם געזוכט אַן אויסוועג. אָבער דער רופא האָט אָוועקגערוקט דאָס טעלערל מיט פלייש פון אונטער אַלטערלס מויל און געזאָגט:

– וועסט שפּעטער עסן, לאָמיך הערן ווי דו זינגסט.

דערווייל, ווי צונויפגערעדט, זענען צוגעקומען אַלע געזעלן, זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און אַריינגעקוקט אין זיין מויל מיט די צופּאַטלטע גזשיוועס. אַלטערל האָט זיך פאַרלוירן און דער פעלדשער האָט זיך ווי געבעטן:

– אַז מען זאָגט דו האָסט אַזאַ שיינע שטימע, לאָמיך אַ הער טאָן.

און ווען די געזעלן זענען אויך צוגעשטאַנען, האָט זיך אַלטער ווי געבעטן:

– אַז כ'ווייס נישט וואָס?

– עטלעכע שטימען האָבן געענטפערט:

– וואָס דו קאָנסט! אַ כּל מקדש! ראש־חודש בענטשן!

אַלטערל האָט גאָר געזונגען אַ לידל. גלאַט אַזוי אַ לידל, וואָס ער געדענקט נישט פון וועמען ער האָט זיך אויסגעלערנט. ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויפן בענקל, ווי ער וואָלט געוואָלט צוזאַמען מיט זיין ניגון אויסוואַקסן און זיך אַריבער־

הויבן, איבער זיך, איבער אַנדערע, איבער אַלעמען. דער רופא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום טאַקט און אַפילו צוגעשמייכלט פאַר הנאה און מסיכות.

אַז ער האָט געענדיקט האָט דער פעלדשער אַפּלאָדירט. פאַר אַלטערלען איז דאָס אויסגעקומען ווילד, וואָס מען פּאַטש מיט די הענט, ווי די קאַטשקעס מיט די פליגל, ווען זיי דער־שרעקן זיך. איינער פון די געזעלן האָט דעם יינגל אַ כאַפּ געטאָן און גלייך געוואָלט פאַר דאַנקבאַרקייט — אָפּשערן... אָבער שמעון קישקע אַליין האָט זיך אַריינגעמישט, אַז ס'איז שבת, און וואָס איז דאָ נישטאָ קיין צייט ביז מען וועט אָנצונדן אַ ליכט...

און אַז מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט זיך אין דער „ראַזורע" פון שמעון קישקע געטאָן אויף טישן און אויף בענק.

די געזעלן האָבן געשפּילט ווער אויף אַ פידל, און ווער אויף אַ באַס. שמעון אַליין האָט אַרויסגענומען זיין פלייט, וואָס איז טאַקי על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן פון פייער, וואָרום דאָס שיידל, אין וועלכן דער פלייט איז געלעגן, איז פאַרברענט געוואָרן אויף קויל...

יעדער האָט זיך געפּרוווט אויף זיין כלי, און מער פון אַלע האָט אויסגענומען אַלטערל, דער „וועווריק", ווי איינער פון די געזעלן האָט אים מכבד געווען מיט אַ נייעם נאָמען.

אויף צומאָרגנס — זונטיק, איז נישט געווען קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיטן „וועווריק", וואָרים די געזעלן האָבן געשאָבן די פויערישע פנימער, און שמעון רופא איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען מיט קאָכ־דיקע ביינקעס און אַרויפגעקלאַפּט אויף פויערישע פלייצעס, וואָס זיינען געלעגן און „געדעכעט" אויף דעם צעראַטעוועטעם סאָפקעלע, וואָס איז געשטאַנען הינטערן פאָרהענגל.

אַלטערל האָט זיך געפילט גוט, וואָרים די געזעלן האָבן זיך מיט אים געשפּאַסן; דעם האָט ער דערלאַנגט אַ ביסל יואַ־סער און יענעם האָט ער אָנגענעצט דאָס גאָל־בערשטל אין ווייק־שאַף. שפּעטער אַפילו האָט אים שוין שמעון אויך באַ־נוצט, ער האָט געהאַלטן דאָס שטיקל ליכט, ביי וועלכן ער, דער פעלדשער, האָט אָנגעצונדן דאָס שטיקל וואַטע, אויף

אַ שפּיזל איינגעטונקען אין בּרען־שפּירט און געשטעלט בּיינקעס...
עס זענען אַוועק טעג, און כאָטש קיינער האָט מיט אים, מיט אַלטערן נישט גערעדט וועגן גאָרנישט, האָט ער זיך דאָך געפילט ווי אין אַ נייער הויט. נישט אַזוי דער־פאַר, וואָס ער איז געשלאָפן אָט אויף דעם צעראַטענעם טאָפּקעלע און איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייסע קאָלדרע, און נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט גענוג צו עסן, נאָר דער עיקר. וואָס מען האָט זיך בּכלל גוט צו אים בּאַצויגן. אים איז געווען ניחא, דאָס וואָס מען האָט זיך מיט אים געשאַפן, געהייסן צונויפנעמען די בּינטלעך האָר פון דער ערד, אויסקערן און אָפּווישן די שפּיגלען. אָבער מער פון אַלץ האָט מען אים געהייסן זינגען. איצט, האָט שוין אַלטערל אַליין געוווּסט, אַז ער קאָן זינגען, נאָר געהאַפּט האָט ער נישט דערויף, וואָרום ס׳יי ווי איז אים גוט געווען. עס האָט שוין געהייסן, אַז ער לערנט זיך זיין אַ פעלדשער און אין זיך האָט ער געטראַכט, אַז ער הערט זיך „גרויס האַלטן״ קענען זיין פעטער יאַנטשעס יינגל, וואָס לערנט זיך גאָר זיין אַ קאָמאַשנמאַכער...
אַלטערל איז געוואָרן אַ פאַרדינער. די צעמימתטע פויערים פלעגן אים אַמאָל איבּערלאָזן אַ קאָפּיקע „נאַ פּיוואָ״ און שמעון פעלדשער אַליין האָט אויך צוגעזען, אַז ס׳זאָל אים צופאַלן אַ פאַרדינסטל, און ווען עס איז געקומען די צייט און אַלטערל האָט זיך בּאַוויזן אויף דער שוועל פון דער ראַזורע מיט אַ גלאַנציקן, בּרייטן ווייסן קאָלנער, פאַרלייגט אויף דעם זשיבּיצל, מיט אַ רויטע שלייף פון פאָרנט, ווי אַן אויסגעבּונדענער שניפּס, האָט זיך מיטאַמאָל בּאַוויזן אי דער פעטער יאַנטשע, אי די מומע גנענדעלע, און נאָך מומעס און פעטערס. זיי זענען אָנגעפלויגן ווי אַ סטאַדע צעשראָקענע שעפּסן, געפּאַכעט מיט די הענט און געגאָרגלט זיך, געשאָלטן און געזידלט: „אַ גוי וועסטו ווערן?״ „די מאַמע פון קבר וועט עס אַרויסוואַרפן!״ „דו משומד דו!״ און איידער נאָך אַלטערל האָט דערפילט די סכנה און געוואָלט אַריינלויפן אין דער ראַזורע, האָט מען אים אָנגעכאַפּט בּיי דער האַנט און אַוועקגעשלעפּט.

ער ווערט אַ באַהעלפער

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך שוין אַלטערל געפונען אין „גרוב” פון דער מומע גנענדעלע.

חײמל, דער מומעס ייִנגל, איז געשטאַנען בײַ דער היל־צערנער נאָרע אָנגעלענט אויף אַ פּאַק מיט זעק, ווי ער וואָלט געשלאָפן שטייענדיקערהייט, די אַנדערע קינדער האָבן זיך באַהאַלטן אָן דער מאַמעס פאַרטוך, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עפּעס געשראָקן, וואָס דאָ וועט זיך נאָך טאָן!

דער ערשטער, וואָס איז אַרויס מיט לשון איז געווען דער פעטער יאַנטשע, און כאָטש ער האָט גערעדט צו אַלטערלען, האָט ער געקוקט צו זײַן ייִנגל חײם, ווי ער וואָלט פון אים געוואָלט האָבן אונטערשטיצונג:

— הייסט עס, אַז דו האָסט זיך שוין געשמדט?

די מומע גנענדעלע האָט געוואָלט פאַרבעסערן און אויס־געזיפצט:

— אַז מען האָט דאָס נישט דערשטיקט, ווען ס'איז נאָך אַ וואָרים געווען?

און דער פעטער:

— דו ווייסט נישט, אַז דאָס גאַנצע פײַער איז געקומען פון דאָרט?!

דער „דאָרט” האָט אָנגעוויזן אויף דער „טיר”, וואָס איז געווען פאַרהאָנגען דורך עטלעכע בלעכטעס, און דער ווינט האָט אויף זיי געפאָכעט ווי אויף די פליגל פון אַ זעגל־שיף.

אַלטערל איז געשטאַנען פאַרזינדיקט און די ווערטער סיי פון דער מומע און סיי פון דעם פעטער האָבן אים געבריט ווי הייסע קאָכעדיקע קאַרטאָפל.

צוליב דער ענגשאַפט האָט מען אַלטערלען אין אָוונט בעלייגט מיט חיימלען אויף איין זאַק מיט שטרוי. חיימל האָט אים אָבער מיט רשעות אַ גאַנצע נאַכט געקאָפּעט און אַרויס־געבורטשעט פון אונטער דער נאָז, ווי אַ שיכור פון חלום:

– רוק זיך אַוועק. רוק זיך אַהין אַביסל!..

אַלטערל איז סיי ווי נישט געשלאָפן, אים האָט זיך כסדר געחלומט דאָס צעראַטענע סאָפקעלע, מיטן לעדערנעם קישעלע, מיט די היימלעכע ווענט, און מיט די לוסטיקע בליץ־לאָמפּן פון שמעון קישקעס ראַזורע...

און וואָס לענגער ער איז אַריינגעלעגן אין דער נאַכט אַלץ מער איז זיך אַן עסנדיקע פייכטקייט צעגאַנגען אין זיינע גלידער און קוים איז ער שוין איינגעשלאָפן, האָט מען אים אויפגעוועקט, שנעל געהייסן אָנטאָן זיך, אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַן אויסגעקראָכענעם שאַליק און אָנגעטאָן אויף די הענט אַ פּאָר זאָקן, וואָס האָבן געזאָלט דינען אָנשטאָט הענטש־קעס. מ׳האָט אים אָנגעהאָנגען צוויי ליידיקע קאַנען און געהייסן מיטגיין מיטן פעטער יאַנטשע.

צוריקגעקומען איז ער שוין, ווען עס איז געשטאַנען גרויער טאָג. די ליידיקע קאַנען זענען געווען פול מיט מילך און אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די פולע קאַנען ציען אַראָפּ זיינע אַקסלען און ווילן פון זיי אַרויסרייסן זיינע אָרימס.

ווען ער איז צוריקגעקומען פונם געמעלק זענען נאָך די מומעס קינדער געשלאָפן. אים, אַלטערלען, האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אַ האַלבער טאָג וואָלט שוין פאַרביי, די מומע האָט אירע קינדער צערטלעך אויפגעוועקט, נישט קאַרגנדיק אַפילו אַ קללה. דערווייל איז אַריינגעגאַנגען דער רבי פון דער תלמוד תורה, זיין געוועזענער דרדקי מלמד, מיטן טלית אין תפילין אונטערן אָרים. צוליב דער פייכטער טונקלניש, האָט דער רבי נישט געזען צי אַלטערל איז דאָ, האָט ער זיך איבערגעפרעגט גלאַט

אזוי אין דער וועלט אריין, ווען מען דאָס קול זיינס וועט אָנ־טרעפן: „צי דער אַכבּרוש איז דאָ"?

דערויף האָט דער פעטער יאַנטשע, וואָס איז אונטערגע־קומען אונטער דעם מלמדס פּלייצע, געענטפערט פון צווישן די לייוועגטע טירן:

— ר'איז דאָ, ר'איז דאָ דער תנא־דבּרה...

האָט דער „רבּי" ווידער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, ווי עפּעס אָנצוכאַפּן אין דער לופט, און גראָד אָנגעטראָפנדיק אויף אַלטער־ליצן, געזאָגט:

— „קום, וועל איך דיר ווייזן ווי צו ברענגען די יונגען אין חדר אריין.

דער חדר איז געווען אין טהרה־שטיבל, אַ שאָפּע, ווו מען האָט אָפּגעוואַשן די מתים, וואָס מען האָט געברענגט פון די דערפער אין שטעטל אריין.

דער בּלינדער זרח, צוזאַמען מיט משה קאָזעבערדל, מאָטעס לאָזער ווידלס, חנניה עסיקציבעלע, אָט די אַלע מלמדים, האָבן „פאַרכאַפּט" פאַר זיך ווינקעלעך אינם טהרה־שטיבל און יעדער איינער האָט אַרויפגעלייגט אַ ברעט אויף אַ פעסל און געמאַכט זיך זיין טיש צו לערנען מיט קינדער.

דעם בּלינדן זרחס טיש איז געווען געמאַכט פונם גרויסן פאַס, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער דאַך־רינע פון בית־המדרש, ווו עס איז אַריינגערינען דאָס רעגן־וואַסער, און צו וועלכן די כלה־מיידלעך פון גאַנצן שטעטל פלעגן קומען פרייטיק פאַרנאַכט, שעפּן דאָס רעגן־וואַסער צום אויסצוואַגן זייערע האָר...

דאָס פעסל איז געווען הויך, און די קינדער — קליין. דערצו איז קיין באַנק אויך נישט געווען. איז אַלטער־לס אַרבעט, אַלס באַהעלפער, געווען, וואָס ער האָט געמוזט די קינדער אונטערהויבן, אָדער האַלטן זיי אויף זיינע פּלייצעס, כּדי זיי זאָלן קאָנען דערגרייכן דעם טיש און קאָנען אַריינקוקן אין רבּינס אלף־בית סידור...

איז דאָס די קינדער זייער וויל געפעלן, וואָס זיי קאָנען

„רייטן" אויפן באַהעלפער, און האָבן אָפּט פאַרגעסן, אַז דער באַהעלפער איז נישט מער, ווי כמעט נאָך אַ חדר ייִנגל. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זיצן אויף אַ פערדל, אָדער לכל הפּחות אויף אַ קליין „קאָשקעלע", און זענען אָפּט אַריינ־געפאָרן מיט די שטיוועלעך אין זיינע זייטן, אַזוי אַז די אויגן זענען אַלטערלען אַזש איבערגעגאַנגען.

דערווייל האָט נאָך דער באַהעלפער אַליין מיט די קינדער נישט געלערנט, ווייל די קינדער האָט מען אָפּגעלאָזט פרי, איידער די נאַכט איז צוגעפאַלן. די עטלעכע שעה האָט זיך דער מלמד אַליין פאַרנומען מיט די תּלמידים.

אַלטערל האָט בלויז נאָר קיינן טאָג און נאַכט אָפּגעפירט די קינדער אַהיים. נישט אַלע האָבן שוין געוווינט אין די אויפגעשטעלטע הילצערנע שטייגלעך, אַסאַך האָבן נאָך געוווינט אין די אויסגראָבונגען און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט שוין אַלטערל געוווסט, אין וועלכער גרוב עס וווינט איטלעכער.

געהייסן האָט עס, אַז אַלטערל איז אַ באַהעלפער ביים בלינדן זרח, אָבער אַזוי ווי די איבריקע מלמדים, וואָס האָבן געהאַט זייערע חדרים אין דעם אייגענעם אָרט, האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע באַהעלפערס. פלעגן זיי זיך שוין אַלטערלען „אויסבאָרגן", ווען מען האָט געדאַרפט גיין אָפּפירן אַ קינד, אָדער ברענגען וואַרימס.

זיין אַ באַהעלפער וואָלט אַלטערלען נישט געאַרט, וואָרום אָפּט, גאַנץ אָפּט האָט ער זיך אַליין פאַרגעסן, און ווען דער רבי איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער זיך אַליין צעשפּילט. עס האָט אים נישט געערט, ווען ער האָט אפילו אַריינגעכאַפּט פון די תּלמידים אַ היבש ביסל קלעפּ...

געאַרט האָט נאָר אים, וואָס פאַרנאַכט, נאָך איידער ער האָט אַהיימגעפירט דאָס לעצטע קינד, האָט שוין די מומע גנענדעלע אויף אים געוואַרט, מיט אַ באַניע נאַפּט, מיט עטלעכע טעוועלעך זייף און מיט עטלעכע פעקלעך ליכט און וואַש־סאָדע און אים אַרומגעשיקט איבער די הייזער צו די באַלעבאָסטעס. האָט זיך די אַרבעט געלייגט שווער אויף דעם קינדס

געמיט, זיין קעפל האָט גענומען נידריקער אַראָפּזינקען. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט תמיד געהאַט עפּעס פאַרלוירן און עס כסדר געזוכט... אַרום פּנים האָט זיך גענומען אַרומזיימען אַ זאָרג, און אויף די פּאַרפּרוירענע וועגן פון הינטער דער שטאָט, טראָגנדיק די קאַנעס מיט מילך, האָבן זיך אין זיין יונגן מח גענומען אויסלייגן פּלענער, וואָס זענען אַרומגעשוועמען און ער האָט זיי געזען מיט די אויגן אָבער נישט געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט...

דערצו האָט ער זיך כסדר דערמאָנט אָן דעם, וואָס די גצזעלן ביי שמעון רופא האָבן געזאָגט, אַז ווען ער איז אין אַ גרויסער שטאָט, וואָלט פון אים אַרויס „אַ לייט״. וואָס אַזוינס אַ לייט איז האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט, נאָר געוווסט האָט ער, אַז דאָס איז עפּעס אַזאַ באַטעמטע זאַך, ער האָט דערביי זיך דערמאָנט אין די משוררימלעך, וואָס זענען דאָ אַמאָל געקומען צופאָרן, און עפּעס אַן אומבאַקאַנטע וואַרימקייט האָט זיך גענומען רוקן אין זיין יונג הערצל...

די שפּאַרע צו דער וועלט

די ערשטע צייט האָט זיך אַלטערל געפּילט ווי דערופן, מען האָט אים אָפּט געזען פאַרחושט און צעתמט, דאָס איז געקומען פון נישט שלאָפן און נישט דערעסן.

די ווייבער, פון וועלכע ער האָט געדאָרפן „ברענגען" זייערע קינדער אין חדר, האָבן אָנגעוווירן אין זייגע אויגן די מראה פון אַ מענטש, און אָנשטאָט דעם, האָט זיך יעדע אויס־געקריצט פאַר אים אין אַ געשטאַלט פון אַן אַנדער טאָג.

די, ביי וועמען ער האָט געגעסן זונטיק, איז עפּעס געווען אַ זוניקע, און אַ לייכטע, די „מאַדאַם" פון דאָנערשטיק האָט זיך אויסגעצוויזן, ווי איר פּנים איז פאַרכמאַרעט און די באַלעבאָסטע פון פרייטיק, האָט ער זיך אַנדערש נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַ קורצע, אַ פעטע און מיט זומער־שפּרינקעלעך, כאָטש זי איז גראָד געווען אַ דינע, אַן אויסגעצויגענע לאַנגע יידענע.

געגומען האָט זיך דאָס מסתמא דערפון, וואָס פרייטיק האָט ער געגעסן נישט מער ווי צוויי מאָלצייטן, אַן איבערבייס און וואַרעמס, צום איבערבייס האָט ער שוין געגעסן אַ וואַרעמען פּלעצל מיט ציבעלעס, געמאַכט פון חלה־טייג, דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, אַז דער שבת־קודש רוקט זיך אויף דער וועלט, און צום וואַרעמס האָט ער שוין געגעסן צעווייקטע פערפל, וואָס זענען רויערהייט געטרוקנט געוואָרן אין אויוון.

דער פרייטיק ביינאַכט האָט שוין געהערט צום דעם שבתדיקן „טאָג", דעריבער האָט זיך דער שבת צעלייגט מיט אַזאַ רחבות אין זיין הארץ.

די „שבתים" האָט ער געגעסן ביי שמעון קישקע, דעם רופא, הגם שמעון האָט נישט געהאַט קיין יינגל ביים בלינדן זרח, און כאָטש דער געשטיפּלטער ליפּע האָט זיך תמיד נוהג געווען, אַז שבת זאָל ביי זיין טיש זיצן אַ באַהעלפערל. דער געשטופּלטער ליפּע האָט שוין געהאַט אַן אורח ביי זיין טיש, אָבער דער בלינדער זרח האָט מורא געהאַט, אַז דאָס יינגל זאָל נישט בלייבן אָן אַ „שבת", האָט ער אים געהייסן גיין פרייטיק אין שול אַריין דאַווענען, און אָנגעזאָגט, אַז נאָכן דאַווענען, זאָל ער צוגיין צ ם געשטיפּלטן ליפּע און זאָגן „גוט שבת". — דערביי האָט ער אים געגעבן אַ סימן, אַז אויב דער געשטיפּלטער וועט אים ענטפערן פשוט „גוט שבת" איז שלעכט, אויב אָבער ער וועט אים ענטפערן „גוט שבת, גוט יאָר" זאָל ער זיך גאָרנישט וויסן מאַכן און ווו יענער וועט גיין, זאָל ער מיטגיין, ביז ער וועט קומען צו אים אַ היים, און נישקשה, אַז ס'איז דאָ פאַר אַזוי פיל מיילער, וועט זיין גענוג נאָך פאַר איינס.

אַלטערל האָט געפאָלגט. פרייטיק פאַרנאַכט האָט ער זיך אויסגעשמירט די שטיוול (וואָס אַ געזונדן ביי שמעון רופא האָט אים געשענקט) מיט אַ ביסל טראָן, אַז אַ בלויער גלאַנץ, ווי אַ פייכטער נעפּל האָט זיך געשטעלט אויף זיי. ער איז געגאַנגען אין שול אַריין און זיך גענומען דורכשלאָגן אַ וועג צום געשטיפּלטן ליפּע, כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז דעם גוט שבת וועט ער אים נישט אָקייגן טראָגן און וועט אים נישט דערמאָנען, פונקט ווי ער דערמאָנט נישט חי־הורה די רביצינס שנור, אַז ער איז מחיוב צו עסן ביי איר די מיטוואָכס.

תמיד מאַכט זיך עפּעס מיט דעם „מיטוואָך". דאָ ווערט זי נישט געזונט און ליגט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ צוגעבונדע־נעם קאָפּ, דאָ דאַרף זי זיין אַ וואַרטאָרן ביי אַ שכנטע, וואָס גייט צום קינד, דאָ פאָרט זי גאָר זיך איינקויפן נייע מלבושים אין דער גרויסער שטאָט און דאָ פאַרגעסט זי סתם, אַז דאָס

יינגל, דער באַהעלפּערל האָט נאָך נישט געגעסן. אַמיד דער־מאָנט זי זיך פּונקט אויף צומאָרגנס, און האָט נאָך טענות צו אַלטערלען פאַרוואָס ער איז אַזאַ שעמעוודיקער, און אַז איר קאָפּ איז צעטראָגן דאַרף ער אַליין רעדן, און זי דערמאָנט זיך נעבעך אין זיין מאַמען, מיט וועמען זי האָט זיך געחברט מיילדווייז.

אָבער עס קומט ווידער אַ מיטוואָך און ווידער דאָס אייגענע. אַלטער גיט אַסך אָנצוהערענישן, אַז היינט איז מיט־וואָך. קודם כּל קומט ער צו דער שנור באַלד אינדערפרי אַרויסשלעפּן דעם חדר־בחור פון אונטער די וואַרעמע צודעק, אָנגיסן די נעגל, אָנטאָן, זאָגן מיט אים מודה אני און — אוועקגיין.

דערנאָך קומט ער נעמען דעם יינגל אין חדר אַריין. און איידער נאָך אַ האַלבע שעה גייט אַריבער איז ער שוין דאָ מיטן דראָטענעם קוישל, ברענגען עפּעס עסן פאַר דעם תּלמיד. די מאַמע חידושט זיך נאָר למאי, איר יינגל האָט ערשט אָפּגעגעסן „איבערבייס” און וויל שוין נאָכאַמאָל, אַז קיין עין הרע זאָל אים היינט נישט שאַטן, און זי נעמט זיך אָנ־שמירן צוויי אייער־בייגל דיק מיט פּוטער און דערצו זידט זי אויס צוויי האַרטע אייער, וויקלט איין אַ שטיק שווייצער־קעז און פאַר אַ צוגאָב לייגט זי צו אַ גרויסן עפּל און פאַרגעסט נישט דערביי דעם באַהעלפער אָנצוזאָגן, אַז למען השם, ער זאָל אַכטונג געבן, איר קינד זאָל דאָס אַלץ אויפעסן און נישט ער זאָל עס אוועקוואַרפן און נישט ער זאָל דאָס צעטיילן די יינגען.

אַלטערלען קומט נאָר אויס אַראָפּצושלינגען דאָס שפּייעכץ און נישט ווייסנדיק זיך מאַכן, אַז היינט האָט ער זיין „טאָג” ביי איר...

פונדעסטעטוועגן האָט ער פרייטיק צו נאַכטס אין דער שול געזוכט דעם געשטיפּלטן ליפּע מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אים מיטן בליק אים וועלן זאָגן דאָס מגילה־וואָרט „גוט

שבת״ און הערן וואָס יענער וועט אים ענטפערן, בלויז „גוט שבת״ אָדער „גוט שבת, גוט יאָר״.

דערווייל האָט שמעון קישקע אים דערזען, און נישט קלערנדיק אַ סך, האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורכן עולם — צוגעגאַנגען צו אַלטערלען און אים געגעבן אַ שנעל אין נאָז, פון אָנפאַנגס האָט דאָס יינגל געמיינט, אַז דאָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים דער פּאַפּירענער אָדלער, וואָס הענגט איבערן בעלעמער. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי דער רופא שטייט שוין, ווי נישט אים מיינט מען עס און שנעלט מיט צוויי פינגער אין דעם טאַבאַק־פּישקעלע אַריין.

דער רופא האָט זיך אָנגערופן

— מ׳האָט געמיינט, אַז דו ביסט אויסגעדאַרט געוואָרן, קליינער.

אַלטער האָט זיך פאַרשעמט און געשוויגן.

און דער רופא האָט ווייטער גערעדט:

— דער עירוב איז אַלץ איבערגעריסן. דו לייגסט שוין תפילין?

— נאָך נישט — האָט אַלטערל געענטפערט.

דער רופא האָט ווייטער געפרעגט:

— האָסט ווי צו עסן שבת?

אַלטערל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און עפּעס אַ בריענ־דיקע בושה האָט אַרויסגעוואַרימט פון זיין פּנים.

דער „פעלדשער״ האָט ווי פאַרענדיקט:

— זאָלסט מיר נישט פאַרלוירן ווערן, איך זאָל דיך נישט דאַרפן זוכן.

און כדי ער זאָל זיין זיכער, האָט ער אַלטערלען גע־געבן זיין סידורל צו האַלטן און איז אַליין אַוועק אויפן פריער־דיקן אָרט.

נאָר נאָך איידער דער חזן האָט געמאַכט קידוש בציבור, כדי יוצא צו זיין פאַר די, וואָס האָבן נישט קיין היים און קיין וויין ביי זייער טיש, איז שוין שמעון רופא צוגעקומען

און געכאַפּט דאָס „נעבעכל" ביים האַלדז און מיט איב אַוועק אַ היים.

פון דאַמאָלט אָן האָט שוין אַלטערל געהאַט עטלעכע אָנ־באָטן פון באַלעבאָכטעס אויף שבת, אָבער ער האָט זיי נישט אָנגענומען. וואָרום דער שבת ביי שמעון קישקע האָט דערהאַלטן זיינע כחות. פרייטיק צו נאַכטס האָט ער שוין דרייסט געזונ־גען זמירות. עס זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע „פּאַצעטן", שמעון רופאס און זיינע געזעלנס גוטע פריינט. צוזאַמען מיט די זמירות האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט זינגען:

„ווען ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען
געגאַנגען איז ער צו זיין טויט"

און פאַרענדיקט האָט ער קוויטשענדיק:

„וויינט נישט ברידער, קלאָגט נישט שוועסטער,
אַז עס פאַלט, פאַלט דער בעסטער,
ברוך שולמאַן האָט געטריי געדינט..."

יעדן שבת האָט זיך אַלטערל דערוווּסט זייער אַסאַך זאכן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז עס זענען געקומען מענטשן סודות־דיקע און פאַרשלייערטע. איינמאָל געדענקט ער, אין מיטן דער נאַכט, פרייטיק איז דאָס געווען, ווען ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן איז שוין געווען פינצטער, אַלע לאָמפּן זענען אויסגע־גאַנגען. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַ ליכטיקייט אים אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן. אַלע לאָמפּן האָבן געברענט. שמעון קישקע האָט ער נאָרנישט דערקענט, ער איז געווען ערנסט און איז געזעסן אונטער דעם שפּאַנישן ווענטל מיט נאָך מענטשן, וועמען ער האָט נישט געקאָנט זען, מחמת זיי זענען געווען פון אים אויסגעדרייט. צווישן די מענטשן זענען אויך געווען צוויי פרויען, מיט די אייגענע האָר. מען האָט גערעדט רוסיש און פּויליש און אויך יידיש. צום ערשט האָט אַלטערל נישט געדענקט, אַז עס איז שבת, נאָר ווען ער האָט זיך דערמאָנט האָט אַ נייגער זיך אים אָנגעצונדן; ער האָט געזען ווי די דאָ רעדן, שרייבן און צערייסן האָס אָנגעשריבענע. ער האָט געפּרוווּט איינשלאָפן אָבער נישט געקאָנט, די לאָמפּן האָבן

אַרויסגעשלאָגן פון שלאָף. איז ער אַזוי געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפענע רעיונות, עס האָט אים קיינער נישט געזאָגט, נאָר ער האָט זיך אַליין משער געווען, אַז אָט די מענטשן מוזן זיין פון די, וואָס האָבן לאַנגע האָר און ווילן מאַכן אַ פריי־לאַנד. וואָס דאָס איז אַזוינס אַ „פריי־לאַנד" האָט ער נישט געוווּסט, ער האָט נאָר געהערט אין בית המדרש די בחורים רעדן, אַז מען וויל אָפּשאַפן דעם קייסער...

אַלטערל האָט זיך איינגעהערט צו זייערע שטילע רייד. ער האָט אָבער זייער קנאַפּ פאַרשטאַנען צוליב דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט רוסיש. ווען ער איז ענדלעך איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, איז אַלץ געווען ווי תמיד. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. די מענטשן זענען מער נישט געווען. אין ווינקל האָט זיך געוואַלגערט אַ באַרג מיט אויס־געריסענע גילדזן פון פאַפּיראָסן מיט גאָלדענע מונדשטיקן און שבת בייטאָג, ביים עסן, האָט דער רופא אים מער נישט געמאַטערט ער זאָל זינגען כל מקדש, נאָר אונטערגעזאָגט:

— אַ נו, רב אַלטער, לאָמיר נאָר הערן ווי דו זינגסט.

די געזעלן האָבן אונטערגעברומט און אַלטער האָט אונ־טערגעכאַפּט מיט כח און מיט ברען:

„שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט ———"

פון דעם טאָג אָן האָט זיך אַלץ געענדערט אין שמעון קישקעס ראַזורע. שמעון אַליין האָט כמעט אויפגעהערט צו גיין אין שול אַריין, זיך נישט געוואַשן צום עסן, און נישט אָנגעטאָן דאָס קאַפּעלע, בעת ער האָט געמאַכט אַ המוציא.

די געזעלן האָבן גענומען איינטענהן מיט אַלטערלען, אַז ער דאַרף אַוועקוואַרפן דאָס חדר, אָבער צוהעלפן אים האָבן זיי נישט געקאָנט, וואָרום עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל זיך אויפהערן צו שערן ביי שמעון קישקע, און איינער דעם צווייטן זאָל שערן מיט אַ שער און מיט אַ קעמל, ווי מען האָט עס געטאָן אַמאָל, און שמעון רופא

וואַלט אויסגעזען, ווי אין די ניין טעג אָדער ווען מען ציילט ספירה, און מען פֿאַרלאָזט זיך דערמאָלט די האָר.

שמעון קישקע האָט געטענהט, אַז פּרנסה איז פּרנסה, אָבער ווען ער האָט געזען, ווי דער קליינער אַלטערל טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ גרויסן יונג אין חדר אַריין, ווייל מען האָט אַוועקגעגעבן זיינע שיך צו פֿאַרריכטן, און ער זאָל חלילה נישט גיין אַ באָרוועסער אין דער בלאָטע, האָט ער געטענהט, אַז אין דעם באַהעלפֿערס זכות, דאַרף זיך דאָס שטעטל נאָך אַמאָל אָנצינדן. מען האָט גענומען קלערן פֿלענער ווי אים אינגאַנצן אַוועקצושיקן פֿון דעם העק, זאָל ער גיין אין דער גרויסער שטאָט, זאָל ער ווערן אַן אַרבעטער, זאָל ער זיך לערנען אַ מלאכה, און נישט קשה – די וועלט איז גענוג גרויס, מען דאַרף זיך נאָר אַדורכשפּאַרן דורך דער שפּאַרע, וואָס פֿירט אַרויס פֿונם פֿאַרדריבעטן שטעטל, אַ יינג – איינגעזוונקען זאָל עס ווערן.

און מיטגעבנדיק אַלטערלען אַן אַדרעס אין דער גובערניע-שטאָט, האָט מען אים אויפֿגעזעצט אויף אַן אָמניבאָס, כּדי אַ יינגל מיט אַזאַ שטימעלע מיט אַזאַ אָפּן קעפּעלע, זאָל זיך קאָנען דורכשפּאַרן צו דער וועלט...

אַלטערלס נײַע וועלט

מיטגעגעבן האָט מען אַלטערלען אויפן וועג אַ חוץ אַ העמד, איינגעוויקלט ווי אַ פּעקעלע און אַ ראַזאָווע ברויטל מיט אַ געווענדזלטן הערינג וואָס ער האָט אים פֿאַרלוירן אינם שטרוי אין אָמניבוס, אויך אַ אַדרעס פֿון אײנעם פֿון שמעון קישקעס געזעלן.

נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אַלטערלען זיך צו דערפֿרעגן אויף דעם אַדרעס, ווײַל גוטע מענטשן אין דער גרויסער שטאָט האָבן אים מיט זייער גוטסקייט צעטומלט; איי־נער האָט אים געהייסן גיין אַהין און דער אַנדערער — אַהער. און ענדלעך, ווען ער האָט זיך דערפֿרעגט האָט דעם געזעלינס באַקאַנטער שוין דאָרט נישט געוואוינט...

ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג פֿון אַלטערלס אָנקומען אין דער גרויסער שטאָט. צום ערשט האָט אים דער געררויש ווי איינגעשיכּורט, דערנאָך האָט זיך אים געדוכטן ווי וואָגנס געלאָדנט מיט שטאַבעס אייזנס נידערן איבער זיין יונגן מוח. און ווען נישט די הויכע מויערן, די טראָטואַרן און דאָס יום־טובדיקע אויסזען פֿון די מענטשן, וואָלט ער זיך גאָר אַוועק־געזעצט אויף אַ שוועל אין מיטן גאַס און זיך צעוויינט.

אַלטערל איז געווען אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿון זיין „נײַע וועלט", אַז ער האָט פֿאַרגעסן אַז זיך אַז זיינע פּיין. ער האָט גע־וואַנדערט גאַס איין און גאַס אויס, אַלע ווײַלע זיך אַוועקגע־שטעלט בײַ אַן אויסשטעל־פענצטער און זיך אָנגעטרונקען מיט

חידוש. זיין ראַזאָווע ברויטל איז אים צונויץ געקומען, ער האָט דערפון געהאַט דריי סעודות און נישט פאַרגעסן זיך איבער־צולאָזן אַ כּוית אויף מאָרגן, וואָרום כאָטש אַלטערל האָט נישט געפילט די געפּאַר וואָס רוקט זיך אָן אויף אים מיט יעדער מינוט וואָס די זון נייגט אַראָפּ אין די צעצונדענע ראַנדן פון הימל, האָט ער דאָך געגנוג שׂכל געהאַט צו פילן, אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג און מען דאַרף קלערן וועגן אַ תּכלית, און וואָס קאָן זיין אַ גרעסערער תּכלית, אויב נישט איבערלאָזן זיך אַ שטיקל ברויט פון זיין לעבל?

ער האָט דאָס לעצטע רעפטל ברויט געהאַט איינגעוויקלט אין זיין העמד, כּדי עס זאָל אים זיין גרינגער צו טראָגן, אַליין האָט ער זיך געשאַרט איבער די גאַסן, זיך פאַרגאַפט, זיך פאַרקוקט און ווי אַוועקגעשווומען פון זיך, פון זיינע איי־גענע טעג.

אָבער ווען ער האָט געזען דאָס ערשטע וואונדער, דהיינו, ווי אַ גאַנצע גאַס מיט עלעקטרישע לאָמפּן, האָבן זיך, פון זיך אַליין, ווי דורך אַ כּישוף שפּרונג אָנגעצונדן, האָט עס, אָנשטאָט באַוואונדערונג, אַרויסגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד. ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז עס באַפאַלט זיין „נייע וועלט" אַ אומגעריכטע נאַכט. ביז איצט האָט ער זיך גאָרנישט וועגן דעם פאַרטראַכט. איצט האָבן זיך אינאיינעם מיט אָוונט־כמאַרעס פאַרקליבן אין זיין אויג שאָטנס פון מורא. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איילעגדיקער, נישט וויסנדיק וווהין און צו וואָס, דערצו איז ער ווייט פאַרקראַכן. וועמען ער האָט נאָר אָנגע־טראָפן זענען עס געווען פּריצים מיט פּריצות, און די פּריצות זענען געגאַנגען אָנגעטאָן ברייטע קאַפּעלושן מיט פעדערן און וואָאַלקעס פאַר די אויגן. ער האָט ערשט איצט באַמערקט ווי די פּריצים קוקן אויף אים, קוקן אים נאָך, אַנדערע ברוגזן זיך, אַנדערע שמייכלען...

אַלטערל האָט גענומען זיך צוריק פאַרקירעווען. געגאַנגען אויפן ריכטיקן וועג און געמיינט, אַז ער בלאָנדזשעט ביז ער אָנגעקומען אין די גאַסן, ווי ער האָט מער נישט געזען קיין

פּריצים און פּריצות, אָפּיצירן און „גימנאַזיסטן", ער האָט זיך צוריק דערזען אויף די גאַסן ווי דער אָמניבוס האָט אים אַרונטערגעלאָזן, און ווי זיין אויג איז געפאַלן האָט ער געטראָפן יידן, מיט לאַנגע כאַלאַטלעך, מיט טליתים, און ווייבער מיט קופּקעס, מיט שייטלעך, ווי ביי אים אין דער היים. אַ מידער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט דער גאַנצער הי׳פלאָזיקייט פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן.

עס האָבן זיך פאַרביי אים פאַרביינעפאיילט יידן מיט קוישן און יידענעס מיט געפּעק. קינדער, ווי ער, זענען אַרויסגעקומען פון די טויערן, זיך געיאָגט מיט רייפן, מאַמעס זענען נאָכגע־לאָפן, געשריגן און געזידלט. ער האָט זיך דערפילט פאַראיינ־זאַמט און פאַרלאָזן. ער האָט געטרונקן מאַמעשע קללות און מקנה געווען די קינדער אויף וועמענס קעפּ עס פאַלט דאָס שעלטן. ער האָט אָנגעהויבן זען, אַז יעדעס קינד איז באַהאָפטן צו עפּעס, ווי צווייגן צו אַ בוים, און ער אַליין איז ווי אַרויס־געריסן און פאַרוואָרפן.

און אַז דער לעצטער סימן פון טאָג האָט זיך שוין ווייט אין הימל געהאַט אָפּגעמעקט, און די קינדער פאַר די טויערן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער, האָט ערשט אַלטערל גע־נומען קלערן מיט שרעק וועגן דעם, אַז ער וועט נישט האָבן וווּ צו נעכטיקן.

ער האָט אַלץ געקלערט וועגן דעם אַדרעס, וואָס מ׳האָט אים מיטגעגעבן און טראַכטנדיק אַזוי, האָט אים ווי אַן אומ־באַקאַנטע בשורה אָנגעיאָגט אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וועמען ער האָט שוין לאַנג נישט געזען און קוים געדענקט. אָבער איצט, אין צייט פון נויט, האָט זי אויפגעהעלט מיט די קלאָרסטע פאַרבן.

דאָס איז געווען דער לאָמער נאָטע, אַ זון פון זיין מלמד, דעם בלינדן זרח.

ער האָט נאָך געדענקט דעם לאָמען נאָטע פון דער צייט, פון פאַר דער שרפה, נאָך איידער ער, אַלטערל, איז גע־וואָרן אַ באַהעלפער, ווען ער אַליין האָט זיך נאָך געלערנט

אין דער תּלמוד תּורה. נאָטע איז געווען דאָר ווי אַן איינגעפּ־בויגענע צווייג, וואָס איז איינגעבראָכן אין איין זייט. נאָטע האָט זיך תּמיד אַרומגעריסן מיט זיין פֿאָטער, זרח מלמד, מחמת דעם, וואָס דער פֿאָטער האָט אים צוגעטיילט דריי פּע־ניצלעך ברויט אַ טאָג און דריי פּעניצלעך האָט ער געגעבן צו זיין ווייב, טיליע מיט די פּאַרקאָטשעטע ציין, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין אַ שלאָף קופּקע און זיך גע־זידלט מיט איר שוויגער, דעם לאָמען נאָטעס מאַמע. נאָטע האָט זיך „געמוזט העלפֿן" און אויפֿגעגעסן דאָס וואָרימס, וואָס די קינדער האָבן מיט זיך מיטגעברענגט. עס האָט אָפּילו גע־טראָפֿן, אַז ווען דער טאַטע, דער מלמד, האָט אַרויסגעריסן פֿון צווישן דעם זונס ציין אַ ביסן פֿרעמד ברויט, האָט זיך געמאַכט אַ געשלעג. די קינדער פֿלעגן דאַן אַרויפֿשפּרינגען אויף די טישן, אויף די בעטן, אויף די בענק און אַפּילו אויפֿן קוימען, ווי אַ צעשראָקענע מחנה הינער, בעת אַן אומגעבעט־טענער גאַסט כאַפּט זיך אַריין צו זיי אין די שטייגן. ביי יעדן געשלעג האָט טיליע געהאַט אַ טבע זיך צו וואַרפֿן אויף דער ערד, שרייען געוואַלט, און דערביי ספּאַזמירן, טרייסלען מיט די פּלייצעס און וואַרפֿן מיט די הענט און פֿיס, אַז מען האָט זיך גאָר געמוזט לאָזן ראַטעווען און אויפֿגיסן אויף איר פּנים אַ גאַנצע שעפּ מיט וואַסער.

אַלטערל געדענקט נישט ווי אַזוי, נאָר איינמאָל, ווען ער איז געקומען אין תּלמוד תּורה, האָט ער געטראָפֿן, אַז דאָס ווינקל „אונטערן ווענטל" ווו עס איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל און אַ הילצערנע שלאָפֿבאַנק איז דאָס מאָל געווען אויס־געראַמט. אויפֿן אָרט פֿון אייזערנעם בעטל איז געווען געמאַכט אַ נידריקע באַנק פֿאַר קינדער און אויפֿן אָרט פֿון דער שלאָף־באַנק איז געשטאַנען דעם רבינס פֿאַרשלאָסענע ברויט־שענקל...

האָט מען זיך דערוווּסט, אַז נאָטע מיט זיין ווייב זענען אָוועקגעפֿאָרן אין דער גרויסער שטאָט, און שפּעטער האָט ער עפּעס געהערט, אַז זיי וווינען אויף דער און דער גאַס.

איצט, אין זיין פאַרצווייפלונג, איז אויפגעקומען אין זיין זכּרון דער נאָמען פון „דער און דער" גאַס.

אַלטערל האָט באַשלאָסן זיי אויפצוזוכן.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ ווייבל און געפרעגט ווי אַזוי מען גייט דאָ און דאָ.

האָט דאָס ווייבל, נישט האָבנדיק קיין צייט זיך אומצוקוקן, אים אָפּגעהאַקט מיט אַן ענטפער:

— דו ביזט דאָך דאָ און דאָ.

און איידער זי איז אַנטרונען אין טויער, האָט אַ צווייטער, אַ ייד, וואָס אַלטערל ווייסט נישט פון וואַנען ער איז דאָ אויסגעוואקסן און ווי ער האָט זיך איינגעהערט זיין פרעגן, אַריינגעוואָרפן:

— וועלכן נומער דאַרפסטו אויף דער גאַס.

אַלטערל האָט נישט געוווסט, וואָס אַזוינס עס האָט צעטאָן אַ גאַס מיט אַ נומער און ער איז געבליבן שטיין אָן ענטפער.

איז דער ייד אַוועקגעגאַנגען און אים איבערגעלאָזט:

— מעגסטו זוכן פון היינט ביז מאָרגן.

און אַז עס זענען צוגעקומען נאָך מענטשן און האָבן גענומען אויספרעגן אַלטערלען וועגן דעם מענטש, וואָס ער זוכט, האָט ער געוווסט נאָר בלויז איינס צו ענטפערן:

— איך ווייס נישט.

מען האָט אים באַשאָטן מיט פראַגן:

— ווי אַזוי זעט ער אויס?

— ער איז אַ לאָמער.

— ער גייט אויף קוליעס?

— ניין, ער הינקט נאָר.

האָבן די פאַרזאַמלטע גענומען אויסרעכנען אַלע הונקענדיקע, וואָס וואוינען אין דער און דער גאַס און וועגן לאָמען נאָטע האָט זיך קיינער נישט געקאָנט דערמאָנען.

איינער האָט געפרעגט:

— ווי זעט ער אויס?

האָט אַלטערל געענטפערט:

— זיין ווייב האָט גרויסע, פאַרשוואַרצטע ציין.

דער ערשטער ייד איז צוריקגעקומען און זיך נאָך גע־בייזערט:

— אַז מען ווייסט נישט קיין נומער פון אַ הויז, ווי אַזוי קאָן מען זוכן.

און אַנדער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער אים צו־געלייגט אַן עצה:

— גיי פון הויף צו הויף און פרעג זיך נאָך, אפשר וועט מען וויסן.

דאָס רעדל איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. קיינער האָט נישט געפרעגט אָדער געוואָלט וויסן צי האָט ער, אַלטערל, ווי צו גיין שלאָפן און צי האָט ער וואָס געהאַט אין זיין מויל. עטלעכע האָבן אים אַפילו יאָ געפרעגט פון וואַנען ער איז און ווי לאַנג ער איז שוין הי. אָבער קיינער האָט זיך וועגן מער נישט אינטערעסירט.

אַלטערל האָט געפאָלגט און אָנגעהויבן גיין פון הויז צו הויז, פון טויער צו טויער און ווען ער האָט געזען, ווען ער האָט געטראָפן, האָט ער געפרעגט:

— וווּ וואוינט דאָ דער לאָמער נאָטע, וואָס האָט אַ ווייב מיט פאַרקאַטשעטע ציין?

נאָר קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און אַנדערע האָבן אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן.

אַזוי איז ער געגאַנגען ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. ביז די גאַס האָט אָנגעהויבן ליידיקער ווערן, די גע־וועלבלעך האָבן זיך צוגעמאַכט און די גאַז־לאָמפן, וואָס האָבן געלויכטן מיט אַ גרין פאַריתומט פייערל, ענדלעך צו זיין גע מיט, זענען נאָך שאָטענדיקער און טונקעלער געוואָרן.

און אַז ער האָט שוין געהאַט זיך מיאָש געווען און אָנ־געהויבן זוכן ווו אַ שטיין, זיך אַוועקצוזעצן און צומאַכן די

אויגן, האָט ער ענדלעך געטראָפן אַ ייִנגל, וועלכער האָט אויף זיין פראַגע געענטפערט מיט אַ צווייטע פראַגע:

-- וואָס טוט ער?

אַלטערל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

האָט יענער פאַר אים געענטפערט:

— ער לערנט מיט מיידלעך?

אַלטערל האָט נישט גענוי געוווּסט צי יאָ, נאָר געענטפערט האָט ער „יאָ", ווייל אַזוי האָט ער זיך אין דער רגע משער געווען.

דער ייִנגל האָט אים געזאָגט, אַז אַזאַ און אַזאַ מענטש מיט אַזאַ און אַזאַ ווייב וואוינט אין דעם און דער נומער, און אַלטער האָט זיך געלאָזט אַהין, ווו דער אומבאַקאַנטער האָט אים אָנגעוויזן.

דער פּאַלאַץ...

זער הויף פון דעם און דעם נומער, האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט אַ געדיכט קליין שטעטל.

צום ערשט איז אַלטערל אַריין אין אַ טויער, וואָס האָט געשמעקט מיט פאַרלעגענער פייכטקייט. עס איז געווען פינצ־טער, ערגעץ ווו פון אַ ווינקל, פון צווישן שפּינוועבס האָט זיך געוויכערט אַ לעמפּל אין אַן אָן שויבנדיקן לאָמטערן. ווען אַלטערל איז אַרויס דורכן טויער פון דער צווייטער זייט, האָט ער פאַרנומען אַ געשריי פון קינדער און ער האָט שוין גע־קריגן דעם איינדרוק ווי אַ מחנה זשאַבעס קוואַקען ערגעץ אין די זומפּיקע בלאָטעס.

פון די אָפענע טירן, וואָס זענען געווען אין דער נידער און האָבן אויסגעזען ווי די הערינג־קרעמלעך ביי אים אין שטעטל, האָט זיך געהערט אַ ריח פון ריישעכץ, געשרייען פון טאָטעס, געוויינען און געלעכטערס פון קינדער. אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ רעדל מיט יידן און געשמועסט נייעס. אַלטערל האָט אָנגעטראָפן אַ יידענע און האָט זי דרייסט גע־פרעגט אויף דעם, וועמען ער זוכט.

און אַז די יידענע האָט שוין גוט געהערט, ווי דאָס יינגל פרעגט זיך אויף דעם לאָמען נאָטע, האָט זי זיך איבער־געפרעגט:

— דער לאָמער נאָטע?

האָט אַלטערל צוגעגעבן פאַר זיכערקייט:

און דאָס ווייב האָט גרויסע אָרויסגעשטאָרצטע ציין.
די יידענע האָט געהאַלטן אין איין איבערפרעגן:
— דאָס ווייב האָט גרויסע אַרויסגעשטאָרצטע ציין?
האָט אַלטערל ווידער פאַרפעסטיקט:
— און ער לערנט מיט מיידלעך.
און די יידענע האָט ווידער געפרעגט:
— וואָס לערנט ער?
האָט דאָס מידע ייִנגל געענטפערט און געוואַרט אויף אַן ענטפער:
— איך ווייס?
האָט די יידענע אים אָפּגעשיקט צו אַ ייד און אַליין האָט זי נישט קיין צייט געהאַט ווייטער אים אויסצוהערן און איבערפרעגן.
און דער ייד איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט מיט אַ פּאַרטיקן ענטפער אויף די ליפּן, און קוים האָט זיך די יידענע אָפּגערוקט, האָט ער גלייך אַלטערלען דערלאַנגט שלום־עליכם און געוואָלט וויסן:
— צום לאָמען מלמד?
און איידער אַלטערל האָט געענטפערט „יאָ", האָט דער ייד אים שוין געהאַלטן פעסט אין דער האַנט, אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזען ווי ער האָט אים צופליייסנס געגעבן שלום־עליכם, כדי ער זאָל פאַרייִנקריגן זיין האַנט, דער ייד איז גע־גאַנגען האַלטנדיק אַלטערלס הענטל איינגעשלאָסן אין זיינער, ביז ער איז צוגעקומען אין ווינקל הויף פאַר אַ גרויס שוואַרץ לאָך, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין דער וואַנט, דאָרט האָט ער אים אַריינגעשטופּט און געזאָגט:
— פּאַמעלעך גיי אויף די שטיגן, ביז דו וועסט אַרויפ־קומען אויבן, אויפן העכסטן גאָרן.
אַלטערל האָט געקלעטערט אויף די שטיגן און מיט זיין טראָט דערפילט, ווי די טרעפּ דרייען זיך אונטער זיינע פיס. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער וואַנט און אויסגעוויזן האָט זיך אים, אַז עס וואַקסן אים אויס נעגל, און די נעגל עסן

זיך איין אין דער מויער, וואָרים ווען נישט, וועט ער זיך אויסגליטשן און אַראָפּפּאַלן ערגעץ אין אַן אָפּגרונט צווישן שוואַרצע קעץ און פלעדערמייז...

אַז ער האָט שוין מער נישט געפילט קיין טרעפּ אונ־טער זיך, האָט ער ערשט גענומען שאַרן מיט די פיס, ווי ער וואָלט געוואָלט אויספּרוּוון, צי איז עפּעס דאָ אַזוינס אויבן, וואָס איז ענליך צו אַ באָדן, צי וועט ער נישט בלייבן אַזוי שוועבן אין דער לופטן...

און שאַרנדיק אַזוי מיט די פיס און טאַפּנדיק אַזוי מיט די הענט, האָט ער דערוויל געעפנט אַ טיר און אַ טונקעלער שיין פון אַ פאַרחושכטן לעמפּל האָט זיך אַרויסגעשטאָכן און צוזאַמען מיט דעם אַ קול, ווי פון אַ פאַרשטיקעניש אַרויס:

— ווער איז דאָרט?

האָט אַלטערל זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער דער־שרעקט אַנדערע און געענטפערט ווי מיט אַ געבעט:

— ס׳איז איך.

דאָס קול פון דער טיר אַרויס האָט זיך נאָך מער אויס־געלענקט און כמעט אויסגעשריגן מיט פּחד:

— ווער איז דאָס איך?

און אויף יענעם קול האָבן זיך באַוויזן נאָך קעפּ צע־שויבערטע, איינגעהילטע אין שאַטנס און האָבן זיך געקלעפּט איינער צום אַנדערן און אַ סאַך קולות מיטאַמאָל האָבן ווי גע־ברענט אינם חושך אַריין.

— רופט זיך אָן, ווער איז?

און אַז די קעפּ מיט די פּנימער האָבן זיך גענומען רירן, אַרויסרוקן זיך פון דער טיר און איבער איינעמס אַקסל האָט זיך שוין אויך באַוויזן דאָס פאַררויכערטע לעמפּל מיט אַ צו־געקלעפּט שטיקל פּאַפּיר אויפן גלעזל, האָט אַלטערל אָנגעהויבן צו וויינען און אַרויסציטערן מיט זיין שטים:

— ס׳איז איך. לאָזער יצחק׳ס אייניקל... הינדע די פעד־דער־שלייסערן.

נישט פאַר אַלע האָט דער נאָמען אַזוי היימיש געקלונגען,

ווי פאַר דער בלאָער קאָפּקע, וואָרום די בלאָע קאָפּקע, וואָס האָט זיך קאָפּויער געהויבן אויפן ווייבלס קאָפּ, האָט זיך אַראָפּ־געדרוקט טיף ביז איבער די אויגן און אין דער אייגענער צייט האָט זיך דאָס לעמפּל אויפגעהויבן הויך איבער אַלע קעפּ, אַז מען האָט אַזש געקענט זען, ווי דער רויך צעשפּרייט זיך אויפן בעליק, ווייל ער האָט שוין געהאַט ווו העכער צו גיין. אַלטערל האָט דערוויילע שוין דערקענט די ציין, די אַרויסגע־שטאַרצטע ציין, האָט ער זיך משער געווען, אז דאָס איבריקע פון דער געשטאַלט מוז שוין געהערן צום לאָמען נאָטעס ווייב, האָט ער זיך דערנענטערט צו די זוכנדיקע.

די זוכנדיקע האָבן אים נישט געזען, נאָר אָנגעטאַפּט, זיי האָבן אים ממש אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט ווי מען כאַפּט אַ שפּאַרבער, ווען ער רייסט זיך אַריין אין אַ נעסט פון פייגעלעך, נאָר אומגעריכט פאַר אַלעמען, אַפילו פאַר אַל־טערלען און פאַר זיך אַליין אויך, האָט דעם לאָמען נאָטעס ווייב געגעבן אַ געשריי אַרויס:

– אוי, אַ בראָך איז צו מיר, דאָס איז דאָך גרשון. אַל־טערל דער יתום!

אין עטלעכע רגעס אַרום איז שוין אַלטערל געווען אין „שטוב" פון זיינע געזוכטע און באַגערטע מענטשן, ביים לאָ־מער נאָטע, דעם בלינדן זרח'ס זון, זיין געוועזענעם מלמד.

די שטוב פון לאָמען נאָטע איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן בוידעם, צו וועלכן מען האָט נאָר צוגעשטעלט דאָס פּאָדעריש־טע ווענטל און אין אַ ווינקל. צו דעם געמויערטן קוימען, וואָס טראָגט אַרויס דעם רויך פון די אונטערשטע שטאָקן, האָט מען אויך דאָ צוגעשטעלט אַן אייזערן אייוועלע און אַריינגע־שטאָכן אין דעם קוימען אַ בלעכענער רער.

אויסציען אַ האַנט הויך איבערן קאָפּ האָט מען נישט געקענט. מחמת דער בעליק מיטן דאַך איז געלעגן איבערן קאָפּ, און ווען דער הויכער הויז־פאַרוואַלטער פלעגט יעדן „אכטן" פון חודש אַרויפקומען נאָך דירה־געלט, פלעגט ער מוז־ן

שטיין איינגעבויגענערהייט. אין די פריערדיקע צייטן, ווען דער לאָמער נאָטע פלעגט אים באַצאָלן פּינקטלעך צו דער צייט, פלעגט זיך דעם פּאַרוואַלטערס געמיט אויסגלייכן און ער פלעגט שוין זאָגן:

— אַהאַ — מען מוז שטיין פאַר אייך מיט אַ געבויגע־נעם קאָפּ, כדי צו קריגן דירה־געלט...

נאָר דאָס זענען געווען די פריערדיקע צייטן. איצט צאָלט שוין דער לאָמער נאָטע נישט אַזוי פּינקטלעך. די זעקס רובל אַ חודש איז איצט נישט אַזוי גרינג אַרויסצוגעמען, און דער־צו האָבן די שכנים פון הויף אויף אים פאַריבל געהאַט, וואָס ער איילט זיך אַזוי פונקט דעם אַכטן צו צאָלן, זיי קאָנען באַ־שטיין צו צאָלן דעם אכט און צוואַנציקסטן, מען טאָר אַ ווירט נישט אַזוי צעלאָזן די קישקעס...

האָט דער לאָמער נאָטע געפאָלגט, מיט שכנים קאָן מען זיך נישט איינרייסן. ביסלעכווייז איז דאָס געוואָרן אַ רגילות, און היינט דאַנקט דער פאַרוואַלטער גאָט, אויב ער קריגט ארויס די זעקס קאַרבן דעם צווייטן אַכטן, וואָרים פאַר נטע'ן זענען שוין נישטאָ די גוטע צייטן פון אַמאָל, די מאַמעס ווילן בעסער שיקן זייערע מיידן צו אַ רבצין איידער צו אים, צום מלמד.

האָט ער זיך מיישב געווען און פאַרדינגען אַ האַלבן „צימער״ צו אַן אַנדער פאַר־פאָלק מיט דריי קליינע קינדער, וואָס דאָס גרעסטע איז נאָך קלענער פון קלענסטן, ווייל עס קאָן נישט גיין און רוקט זיך כסדר אויף איין פיסל און ווייל עס איז בלייך און האָט אונטערגעשוואָלענע בלויע רעדער אונ־טער די אויגן און אַז עס פאַ־היסט זיך פאַרקייכט עס זיך. מוז מען האַלטן פאַרהאַנגען דאָס לאָך, וואָס איז געמאַכט גע־וואָרן, אַז טויבן זאָלן דאָרט אַריינפליען און איצט איז עס אַ פענסטער.

דער „סוב־לאָקאַטאָר״ שטאַמט פון אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט, ווי אַן אַרבעסל נעבן דעם שטעטל, פון וואַנען אַלטערל און דער לאָמער נאָטע קומען. ער קאָן דעריבער דעם גאַנצן

חוּס פֿון עלטערלעך און האָט ווינציק דרך־ארץ פֿאַרן לאָמען נטע, וואָרום ווען נישט דאָס, וואָלט ער דעם ווינקל אין האַלבן צימער, וואָס ער האָט געדונגען בײַ נטע'ן פֿאַר דרײַ רובל אַ חודש, נישט אָפּפֿאַרדונגען צו אַ שוועסטער מיט אַ ברודער — אַ ווינקל, אין וועלכן מען שטעלט דאָרט אויף יעדן אָוונט צוויי אײַזערנע בעטלעך...

נטען וואָלט עס נישט אַזוי פֿאַרדראָסן, ווײַל מיט דער שוועסטער און ברודער איז גאַנץ היימלעך אין „שטוב". די שוועסטער, אַז זי קומט פֿון דער אַרבעט, וויל זי צושטעלן אַ טעפּל אויף דעם קעכעלע פֿאַר דעם ברודערס וועגן. די הויפּט־באַלעבאָסטע פֿון „הויז", נטעס ווײַב וויל דאָס נישט לײַדן, מישט זיך אַרײַן דעם סובלאָקאַטאָרס ווײַב, הויבן זיך בײַדע אָן צו קריגן, דערנאָך צעפּרײַסן די קאָפּקעס און נאָך דער־נאָך — אויסצופּליקן די האָר. און ביז די מענער קומען, זענען שוין די טעפּלעך איבערגעדרייט און די „שטוב" איבערגעקערט. נעמט זיך יעדעס ווײַב שעלטן איר מאַן און נאָר דער ברו־דער מיט דער שוועסטער זענען שטיל, און „נעמען פֿאַר ליב", דערמיט איבערצובעטן דאָס פֿאָרפֿאָלק און זען, עס זאָל ווידער זײַן שלום. פֿאַרדריסט נאָר נטע'ן, וואָס דער שכן נעמט בײַ זײַן שכן גאַנצע צוויי און אַ האַלבן רובל דירה־געלט, אַזוי אַז ער וואוינט שוין כמעט בחינם.

די לעצטע צײַט האָט דער „ברודער און די שוועסטער" אויפֿגעהערט צו אַרבעטן, האָבן זיי נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. און אַז זיי האָבן נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, האָט שוין דער שכן אויך נישט געצאָלט, האָט נטע שוין אויך נישט געהאַט קיין חשק צו צאָלן. דער פֿאַרוואַלטער האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פֿון קיין זאַך, ער האָט געפֿאָדערט דאָס זײַניקע, די גאַנצע זעקס קאַרבן דירה־געלט, און נטען האָט זיך נישט געגלוסט צו באַצאָלן פֿאַר אַנדערע לאָקאַטאָרן, אַזוי האָט מען זיך געהאַלטן אין איין קריגן, אין איין אַרומרײַסן און... קאָכן פֿון די זעלבע טעפּלעך און שלאָפֿן אונטער דעם זעלבן שטיקל דאַך...

ווען מען האָט אַריינגענומען אַלטערלען, האָט מען גע־
האַט פאַרגעסן, אַז ערשט מיט עטלעכע מינוטן האָט מען זיך
געקריגט איבער דעם, ווער עס האָט היינט געדאַרפט אַריינ־
גיסן נאַפט אינם לעמפל, און אַזוי ווי יעדער האָט געהאַלטן,
אַז דאָס געהערט צום אַנדערן, און אַזוי ווי יעדער אַנדערער
האָט נישט געוואָלט צוגעבן, האָט דער ערשטער געוואָלט אויס־
לעשן און דער צווייטער האָט עס נישט געוואָלט ליידן, האָט
מען זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט ביז דאָס גלעזל האָט געפּלאַצט,
און עס וואָלט אַוודאי געווען הימל עפן זיך, ווען אַלטערלס
אַרומשליכן איבערן בוידעם וואָלט נישט אַלע פאַרינטערעסירט. דאָס
ערשטע האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַ גנב, און אַזוי ווי
יעדע פון די דריי שכנות האָט געהאַט הענגען אַ ביסל וועש,
האָט מען געמיינזאַם דערשפּירט די סכנה און זיך געלאָזט אינ־
איינעם פאַרטיידיקן זייער ביסל האָב און גוטס...

איצט האָט מען שוין אַלטערלען אויסגעפרעגט ווי אַזוי
ער קומט אַהער, און וואָס ער טוט דאָ? און ווי אַזוי האָט ער
זיך דערפרעגט, און מען האָט זיך געגרויסט, אַז דאָ איז נישט
דאָס קליינע שטעטל, און אַז מען וויל איינעם אויסגעפינען,
מוז מען האָבן יענעמס נומער און אַז מען ווייסט נישט איז
טאַקי שלעכט.

אויסגעפרעגט זיך וואָס מען הערט אין שטעטל, איז אויפ־
געשווומען די פראַגע ווו וועט אַלטערל שלאָפן, אַז קיין פּיצל
ערד איז אַפילו נישטאָ, און דאָ איז שוין שפּעט אויך, איז
געבליבן מען זאָל אים אַריינלייגן צום „ברודער״ צופיסנס,
מחמת נישט צופוסנס, איז שוין געשלאָפן אַן אַנדערער, אַ ייד
אַ סטאָלער, וואָס האָט געצאָלט די „שוועסטער און ברודער״ אַ
האַלב קאַרבל אַ חודש דירה־געלט, פאַר שלאָפן מיט אים
אין בעט.

אַלטערל ווערט אַ אַרבעטער

דער אינדערפרי איז אין נאָטעס „הויז” געווען אָנגעצויגן און פאַרכמורעט.

געזומען האָט עס זיך דערפון, וואָס דער סטאָליאַר איז אויפגעשטאַנען אַן אומצופרידענער און וואַשענדיק זיך דאָס שטיקל פנים מיט אַן איינגעצטער האַנט, האָט ער געברומט:

— איך בין אַ ייד, אַן אַרבעטאָרער, און אַז מען קאָן נישט אויסציען קיין פוס אַ גאַנצע נאַכט, וואָס טויג עס?

און אַז אַלע האָבן געשוויגן, האָט ער שוין העכער צוגעברומט:

— אַז איך צאָל, דאַרף איך האָבן וווּ אויסצוציען אַ פוס... נישט גענוג, וואָס מען קוועטשט מיר אָפּ די זייטן...

האָט שוין דאָס דעם לאָמען נאָטס ווייב נישט געקענט פאַרטראָגן, און וויפל עס האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן בייטערניש צום לאָקאַטאָר, האָט זי אויסגעשאָסן מיט רוגזה:

—פאַר דעם האַלבן קאַרב אַ חודש, ווילט איר אפשר דאָס בעט אַליין פאַר זיך?

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, וואָלט דער לאָקאַטאָר געווען צופרידן, וואָרום אים אַליין האָט עס אויך פאַרדראָסן, וואָס זיין סוב־לאָקאַטאָר, דער „ברודער מיט די שוועסטער” לאָזן זיך וואויל־גיין און פאַרדינגען אַ חלק פון זייער בעט, נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט געוואָלט צוגעבן גערעכט זייער „הויז־באַלעבאָס” און ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיין סוב־לאָקאַטאָר:

— און אַז איר צאָלט אײַנגאַנצן נישט קיין דירה־געלט!

האָט דאָס פאַרדראָסן אי נאָטען, אי זיין ווייב. האָט מען זיך גענומען רייסן, שרייען און שעלטן. אין מיטן דערינען איז, דער ייד — דער סטאָלאַר אַרויס צו דער אַרבעט און שוין נישט געטרונקען דאָס ביסל וואַרים וואַסער, וואָס ער שטעלט זיך אַליין צו. האָט דאָס די שוועסטער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס אַן עלנדער מאַנסביל מוז אַוועקגיין אומאיבערגעביכן, האָט זי געכאַפּט אַ נאַסע שמאַטע און פאַרשטאָפּט די רער פון אײַזערנעם אויוועלע, אַזוי, אַז דער רויך האָט גענומען גײַדיכט צוריקזעצן און זיך אַוועקגעלייגט אונטערן בעליק. ווען דער טשאַד האָט גענומען רייסן אין די העלזער, איז געוואָרן נאָך מער אַ געשריי, האָט נאָטעס ווייב מיט די אַרויסגעשטאַרצטע ציין, גענומען דאָס אײַזערנע בעטל פון דעם „ברודער" און עס געוואָלט אַרויסשטעלן אין דרויסן. האָט דאָס די סובלאָקאַטאָרין נישט געוואָלט דערלאָזן, האָט זי אויפגעריסן נאָטעס ציכן פון בעטגעוואַנט, האָבן זיך גענומען שיטן ברודיקע פעדערן, האָבן זיך די געשרייען דערווייל פאַרשטאַרקט, די קולות פאַרגרעסערט און די קללות פאַרמערט...

דערווייל האָט מען אין הויף דערהערט די געשרייען, אָבער אַזוי ווי מען איז צוגעוואוינט געווען, אַז אויף דער „פּאַציאַטקע" — דעם דאַך־שטיבל, זאָלן זיך אָפּט הערן קריגערייען, האָט עס קיינעם נישט געאַרט. אָבער ווען די נאָטעכע האָט דערשפּירט אַ פליסיקייט אויף איר שטערן פונם ראָנדל מיט די זעקס אײַזערנע פיסלעך, וואָס איז איר געפלויגן אין שטערן אַריין, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, אַז מען שעכט. דאַמאָלט ערשט האָט דער הויף אויך נישט געקאָנט בלייבן שטיל, און גענומען זיך אַרויפטראָגן איבער די צעקרומטע טרעפּ אין דער געדיכטעניש פון רויך און פעדערן. ערשט ווען מען האָט צעריסן דאָס בינטל געשרייען, וואָס האָט זיך געהאַט צענויפגעוויקלט אין איין קנויל, אָפּגעריסן איינס פונם אַנדערן, האָבן די קולות און קללות זיך געלאָזט הערן פון פאַרשיידענע ווינקעלעך. אַלטערל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז געשען

איבער אים, כאָטש אָן אים האָט שוין קיינער נישט געדענקט חי אָן איבעריקער דאָ אויף דער „שמחה" האָט ער זיך אַרויס. געשאַרט, דורכגעשטופּט דורך די מענטשן, וואָס האָבן באַלייגט די שטיגן, אַ שלינג געטאָן אַ ביסל פרישע לופט אויסגעמישט מיט פייכטן מיסט, וואָס האָט זיך געדעמפּט אין גרויסן מיסט־קאַסטן אויפן הויף, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און אַרויס דורכן טויער צוריק אין דער גאַס אַריין, צוריק אין זיין נייער וועלט.

דער הונגער, צו וועלכן אַלטערל איז אַזוי צוגעוווינט געווען, און וואָס ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וואָלט עס אים נישט אַזוי שטאַרק געמאַטערט, האָט אים איצט נישט אָפּ־געלאָזט.

די גאַס, וואָס ער האָט נעכטן אויסגעמאָסטן אין דער גאַנצער לענג, האָט איצט געהאַט אַן אַנדער אויסזען. עס זענען געווען דאָרט אָן אַ שיער מענטשן, מען איז געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, מען איז געזעסן אויף שטיינער, אויף טרעפּלעך פון געוועלבלעך, אויף וועגעלעך און אַפילו אין די פענסטער. און די אַלע, וואָס זענען דאָרט געזעסן אָדער געשטאַנען זע־נען נישט געווען ליידיק, נאָר האָבן געהאַט עפּעס צו פאַר־קויפן. איינע — פרישע ברוינע בייגל, מיט מאָן אָנגעשאָטן אויף די פּלעכטלעך, אַז אַלטערל האָט אַזש געפילט דעם פרישן טעם זייערן אויף זיינע ציינדלעך, אַן אַנדערע האָט געהאַט אַ קוישל מיט געקאָכטע עפּל, אַ דריטע — היימיש געמאַכטן קעז־קוכן, אויף אַן אַנדערן אָרט האָבן זיך גאָר געבראָטן קאַר־טאָפל, און אויף אַ בלעכענעם טעלער דערביי איז געלעגן אַ צעשניטענער הערינג...

דערנעבן זענען געשטאַנען גאָרקיכן אין מיטן גאַס; ביי טישן זענען געווען אויסגעזעצט מענטשן, זיך געבלאָזן אין די הענט אַריין און געגעסן שיסעלעך מיט זופּ. אַלטערל האָט דערקענט וואָס פאַר אַ זופּ דאָס איז, פּשוטע קליסקעלעך מיט אַרבעס און פאַריישט מיט אָנגעברווינטע ציבעלעס... ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מחמת נייגעריקייט, וואָרום קיינמאָל האָט

ער נאָך נישט געזען, מען זאָל זיצן אין מיטן גאַס ביי אַ טיש און מען זאָל עסן ווערים געקעכץ...

און קוקנדיק אַזוי זענען די געבראָטענע ציבעלעס איבערגעקראָכן אין נאָז, און פון דאָרט – ביז צום שטערן, ווי טוטוסעס ווערימל, געשפּאַרט זיך ביז צום מח און אים אַזש אונטערגעהויבן דעם שאַרבן...

ער איז אַוועקגעגאַנגען און אַ ביסל ווייטער האָט ער דערזען ווי אויף אַ פּאַן פּרעגלען זיך שטיקלעך קישקע. צום ערשט האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז גויאישע „קאָלבאַסע", אָבער באַלד האָט ער געזען ווי עס קומען צו אידענעס אין וואָרעמע שובעס, מסתמא סוחרטעס, און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ הייס קישקעלע – האָט זיך שוין דאָס שפּייעכץ גענומען נאָך מער גאָווערן פון זיינע ליפּן...

אין אַ רינשטאָק איז געלעגן אַן עפּל. אַלטערל האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן און זען, צי וועט אימיצער אויפהויבן דעם עפּל צי נישט.

ער איז געשטאַנען און געחלומט, ווי ער האָט שוין דעם עפּל אין האַנט, ווי ער בייסט אים איין, ער איז זיס... ער האָט שוין אַפילו געפילט דעם טעם דערפון, אָבער, אַז ער האָט זיך אַליין ווי אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט, האָט ער געזען ווי קיינער האָט דעם עפּל נישט אויפגעהויבן. ער האָט זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און איינבויגנדיק זיך, אַז דאָס בלוט האָט אים געשלאָגן אין פּנים האָט ער אויפגעהויבן דעם עפּל און ערשט דערזען, אַז ער איז געווען אָפּגעביסן און אָרומגעפוילט.

פונדעסטוועגן האָט זיך אַלטערל נישט אָפּגעזאָגט פון דער מציאה, ער האָט נישט אַוועקגעוואָרפן דעם עפּל, נאָר בלויז אים אָרומגעווישט מיט זיין אַרבל, אַרומגעצופּט מיט די נעגל דאָס פאַרפוילטע און אויפגעגעסן.

דערווייל האָט ער זיך געשלייכט דורך גאַסן און טקווערן, דורך געסלעך און דורכגאַנגס-הייף. ער האָט נישט געהאַט קיין ציל און זיך געטראָגן ווי אויף הפקר-פליגל. אַמאָל האָט ער

באַטראַכט עפּעס אַ נייגיריקע זאַך, מיט וואָס די גרויסע שטאָט איז פול. אַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט זען, ווי איינער האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע, און אַ פּאַפּוגיי האָט אַרויס־געגרעבצט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעך וואָרט, און ווען איינער האָט געגעבן עפּעס אַ מטבע דעם, וואָס האָט געדרייט מיטן שפּילקאַסטן, האָט די פּאַפּוגיי אַרויסגעצויגן עפּעס אַ געל צעטעלע...

אַלטערל איז געווען אויסגעטון פון געדאַנקן, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן. אין אַנהויב איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, ווו וועט ער היינט נעכטיקן? נאָר עפּעס אין זיך איז אויפגעשטאַנען אַ בטחון, אַ זיכערקייט, אַז ער וועט נישט פאַרפאַלן ווערן.

דער טאָג איז שוין געשטאַנען נידריק, די אָנקומענדיקע נאַכט האָט גענומען אָנזאָגן די גרויע בשורה, אָבער דעם יינגל איז געווען פיל לייכטער ווי נעכטן, בעת ער האָט זיך געלאָזט זוכן דעם אומבאַקאַנטן אַדרעס פון דעם לאָמען נאָטע. איצט האָט ער שוין נישט געזוכט, נאָר איז געווען זיכער, אַז עמיץ, אַ אומבאַקאַנטער, אַ קיינמאָל נישט געזעענער טראָגט זיך איצט אַרום איבער די גאַסן פון אָט דער גרויסער שטאָט, און ער־געץ ביי אַ צענויפקום פון גאַס מיט גאַס וועט ער אים געפינען און יענער וועט אים מיטנעמען און אים געבן אַ געלעגער אונטער זיין קאָפּ, אַ ביסן ברויט אין זיין שוין פאַרשמאַכטן מויל.

און אַזוי ווי ער האָט געטראַכט, אַזוי איז געשען.

עפּעס אַ ייד אין אַ לאַנגן כאַלאַט, וואָס האָט אויסגעקערט די גאַס אַרום די טריט, מיט אַ גאָר ברייטן היטל, ווי אַ קליין קיילעכדיק טישל, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן פאַר אים. ער האָט אַפילו נישט געזען פון וואַנען דער ייד האָט זיך דאָס פּלוצלינג גענומען. דער ייד האָט געקייקלט אַ פעסעלע פון ביר מיטן פוס, און דאָס פעסעלע האָט דווקא נישט געוואָלט זיך קאָלערן גלייך, ווי דער פוס פונם ייד האָט געוואָלט, נאָר זיך פאַרקירעוועט אין דער זייט, אָפּטמאָל זיך אַפילו אויסגע־דרייט אויף צוריק, אָדער גאָר זיך אַראָפּגעלאָזט פונם טראָ־טואַר אין דערבייאיקן ראָוו.

פלוצלינג מאַכט דער ייד צו אַלטערלען, צו וועמען דאָס פעסעלע האָט זיך צוגעקייקלט: „ווילסט פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן״? און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער באַפוילן, ער זאָל נעמען דאָס פעסעלע אויף די אַקסלען און מיט אים מיטגיין.

אַלטערל האָט גענומען דאָס פעסעלע אויף זיך און גע־פילט ווי דער טריט זעצט זיך אים אַראָפּ, פונדעסטוועגן איז ער נאָכגעלאָפן די שנעלע שפּרייזן פונם ייד, און דער שוויס האָט אים ווי אַ רעגן נאַס געמאַכט.

אין מיטן וועג, אַז ער האָט זיך געשטעלט אָפּרוען, האָט זיך דער ייד אויסגעפרעגט:

— ביזט נישט קיין היגער?

— ניין.

— ביזט עפּעס אַ בעל־מלאכה?

— יאָ.

— אַ שטייגער וואָס?

— אַ באַהעלפער.

— ביי אַ מלמד?

— יאָ.

— נו, פאַרוואָסזשע טוסטו גאָרנישט?

— כ׳האָב נישט קיין חדר.

דער ייד האָט זיך פאַרקרימט:

— אי, וואָס טויג דיר אַ חדר. וואָלסט געוואָלט דינען אויף אַ שטעלע?

אַלטערל האָט פאַרזיכערט:

— יאָ.

דער ייד האָט אים נישט געלאָזט איבערקלערן און באַפוילן מיט אים מיטצוגיין.

די עטלעכע גראָשן האָט דער ייד אַלטערלען נישט באַ־צאָלט, נאָר אָנשטאָט דעם, האָט ער אים מיטגענומען ערגעץ אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען לחלוטין ניי פאַר אַלטערלען. דער ייד האָט אים אַריינגעפירט אין עפּעס אַ פאַבריקל, ווו

עס האָבן זיך געדרייט רעדער, געשלענגלט לעדערנע פּאַסן, שטיינער האָבן זיך געריבן אויף שטיינער און פון אונטער דעם זענען פונקן געפלויגן געדיכט ווי פון אַ שׂרפה. עס האָט גערוישט און געזשומעט. יינגלעך און יידן זענען געשטאַנען אין לעדערנע פאַרטוכער, אויף זייערע האָר און ברעמען זענען געלעגן שטיקער ליים-שטויב, זיי האָבן געטראָגן מיט די פיס אויף טראָט-ברעטלעך, געדרייט מיט די הענט די רעדלעך, זיך מיטגעבויגן און זיך מיטגעוויגט.

דער ייד האָט באַפוילן:

— טו אויס די קאַפּאָטע!

האָט אַלטערל געפאָלגט, אויסגעטאָן זיך דאָס קאַפּאָטקעלע און זיך דורכגעשפּאַרט צו אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען מיט די פּיסלעך אַריינגעגראָבן אין אַ הויפן ליים. דאָרט האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און לויטן אָנווייז גענומען רייניקן מיט אַ שמאַטע פיר־קאַנטיקע שייבלעך און רונדיקע שפּיגעלעך.

אַלטערס ערשטער וואַרשטאַט אין דער גרויס־שטאָט איז געווען אַ שפּיגל־שלייפעריי. אָבער אַזוי גיך האָט מען אים נישט צוגעלאָזט צו די שלייף־שטיינער. ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען לאַנגע טעג ביי דעם ברעט־טיש און געווישט די פּאַר־בלאָזיקטע שפּיגעלעך, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון אונטער די שטיינער. ער האָט געווישט מיט כּוונה, מיט פלייס און מיט ליבשאַפט; אים איז גוט געווען דערפון, וואָס ער האָט זיין ווינקל, ווו צו שטיין, זיין שמאַטע, מיט וואָס צו אַרבעטן און דער עיקר — וואָס די שלייף־שטיינער גיבן אַרויס אַ סך שפּיגעלעך, אַ סך שייבעלעך, וואָס ער דאַרף רייניקן און אַרומווישן.

אים איז גוט געווען, וואָס ער קומט אָן אויסגעהונגערטער צום טיש פון זיין באַלעבאָס און דאָס עסן באַקומט אים.

אַלטערל האָט געוווסט, אַז ער ברענגט נוצן אויף דער וועלט; ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די נעגל פון זיינע פינגער, האָט ער געזען, אַז זיי וואַקסן שוין נישט אַזוי גיך און אַזוי ווילד אַרויס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קומט

פון דער אַרבעט. און אַט דאָס דאָזיקע, דאָס אומבאַקאַנטע פאַר אים — אַרבעט - האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ ניי,ם קוואַל פון אינערלעכער שמחה. ער האָט געטאָן מיט חשק יע-דע זאַך, נישט בלויז ביים טישל מיט שפּיגעלעך, נאָר אויך אין קיך, ווען ער האָט צוגעהאָלפן דער באַלעבאָסטע ביים וואַשן די דילן, און ביים אַרויסטראָגן די קוישן מיט ליים.

זיין שטים האָט זיך ווידער אָפּגערופן אין זיין האַלדז. אַלטערל האָט זיך צעזינגען, הויך, קלינגענדיק, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן ווי די רימענס, די רעדער און די שלייף-שטיי-נער זינגען מיט:

„שוועסטער און ברודער פון אַרבעט און נויט - - -"

דאָס געלעגער

ביז ס'איז אַרויסגעקומען אַ ברוגז צווישן מאַן און ווייב איבער דעם לערן־ייִנגל־אַלטערן.

צום ערשט איז עס אַזוי געווען:

דער בעל־הבית האָט נישט געוואָלט ליידן, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אַלע רגע אָוועקגערופן דעם לערן־ייִנגל פון זיין אַרבעטס־טיש און אים אָוועקגעשטעלט אין קיך וואַשן דאָס געפעס, שאָבן קאַרטאָפל, רייבן דעם דיל און אפילו האַקן פיש.

און אַממייסטנס האָט ער געצאָרנט, וואָס אין מיטן ערב שבת האָט זי אים אָוועקגעשיקט מיטן טשאָלנט צום בעקער, ווי ער האָט זיך פאַרזוימט אַ האַלבן טאָג.

און ער האָט געטענהט:

— וואָס איז ער אַ דינסט־מויד, צי אַ לערן־ייִנגל?

האָט זיך דאָס ווייב אָוועקגעזעצט זיפצן, אַז זי האָט נישט קיין כוח צו לעבן און קאָכן די „טעפּ״ פאַר אַזוי פיל געזעלן, אַז זי קאָן נישט דערוואַשן די דילן פון אַזוי פיל אָנגעטראָטענע בלאָטע, און אַז זי האָט זיך שוין די הענט אָפּגעריבן פון וואַשן וועש פאַר פרעמדע ייִנגען, די אַרבעטאָרערס. סוף כל סוף וועט זי זיך אָוועקלייגן קראַנק און די גאַנצע האַרעוואַניע וועט גיין פאַר אַנדערע...

דער מייסטער האָט אייַנגעזעען, אַז זי איז גערעכט, נאָר אַזוי ווי אַ ווייב טאָר מען נישט נאָכגעבן, האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט:

—אז דאָס ייגל איז אַ וואויל יינגל, אַ פלייסיק יינגל, האָרכט און פאָלגט. נאָר וואָס דען, אַז ער איז מער אין קיך ווי אין פאַבריק, וואָסזשע קאָן מען האָבן פאַר אַ נוצן פון אים?

האָט אים ס'ווייב פאַרזיכערט:

— זאָל ער זיך בעסער נישט אַזוי גיך אויסלערנען און דיך לאָזן שטיין ווי אַ נאַר אויפן מאַרק; אַז ער וועט נאָר קאָנען זיך צוכאַפּן צום שלייפשטיין, וועט אים שוין עמיץ אַנ־דערש אויסכאַפּן, און מיר וועלן האָבן אים אָנגעפּאַשעט פאַר אַן אַנדערן...

האָט דער מייסטער געזען, אַז די יידענע איז ווידער געררעכט, האָט ער געשוויגן און זיך געגעסן פון פאַרדראָס.

אָבער פּלוצלינג איז געשען אָט וואָס: איינמאָל, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, ווען די עלטערע געזעלן זענען אַוועקגע־גאַנגען און אַלטערל האָט נאָך געהאַט אַרויסצוטראָגן גאַנצע קאַס־טענס מיט ליים און פולע פעסער מיט שיטערע, געלע בלאָטע, און נאָכדעם ווי ער האָט אַרומגעשאָבן די מאַשינען, אויסגע־ווישט דעם דיל פון פאַבריק, אויסגעטרוקנט און אָנגעשאָטן מיט פרישן טרוקענעם זאַמד, האָט דעם באַלעבאָס'ס ווייב נאָך איידער זי האָט אים געגעבן אָוונט־מאָלצייט, אים געהייסן אָפּ־פוצן די מעשענע לייכטער, די קופּערנע פיש־פאַנען, אַז אַלץ זאָל בלאַנקען, און פאַר אַ צוגאָב האָט זי אים אויך געגעבן דאָס מעשענע חנוכה־לעמפל, וואָס האָט זיך אַליין אַרומגעצירט מיט אַ פאַרשימלטער גרינקייט. כדי צו זיין זיכער מיט זיין אַרבעט, האָט זי אויסגעגאָסן עטלעכע פאַמשעפלעך מיט רעגן־וואַסער אויף דעם דיל און אַליין האָט זי, כדי ווייזן אַז זי העלפט צו, מיט אַ דאָרן בעזים גענומען רייבן די בלאָטע. נאָר אַזוי ווי אויף דער קיך האָט גענומען עפּעס לויפן, האָט זי איבערגעלאָזט דעם דאָרן בעזים און זיך געלאָזט צו די טעפּלעך. דעמאָלט האָט אַלטער פאַרשטאַנען, אַז זיין רוקן וועט זיך שוין היינט נישט אויס־גלייכן פון דער אַרבעט, און נאָך מער: די שיך זענען צעווייקט געוואָרן פון וואַסער און ליים. אַז די זוילן האָבן זיך קודם אָנגעפּלאָזן און נאָכדעם צעווייקטערהייט אַוועקגעפאַלן. אַלטערל

האָט פּלוצים אַוועקגעוואָרפן דעם בעזים און זיך צעוויינט, אַז אים הונגערט...

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען צו לויפן און אויסגעלאָזט אַלדי בייזע חלומות צו זיין קאָפּ און די שונאים׳ס הענט און פיס. זי האָט געמיינט, אַז ער האָט זיך געקוילעט, צום סוף גאָר, ווי לאַנג איז עס, אַז זי האָט אים געגעבן צוויי שיסלען מיט געדיכטע גרויפּן-גריץ?...

נאָר סיי ווי האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן. אַלטערל איז געוועזן צורייצט נישט פון הונגער, נאָר יוייל די שווערע אַרבעט האָט אים געשטאָכן אונטער די פּאַכוועס. ער האָט אַקייגן גערעדט און אַפילו שאַרף געגעבן אָנצוזעהערן, אַז ער איז נישט קיין דינסטמיידל...

האָט די באַלעבאָסטע אויפגעכאַפּט, אַז דאָס איז דעם „מייסטערס" רייד און אים אַרויסגעוואָרפן, פּשוט ווי מען וואַרפט אַרויס אַ זאַך, וואָס האָט זיך אָפּגענוצט און מען קאָן שוין דערמיט גאָרנישט טאָן. און דעם גאַנצן „חורבן" האָט זי אַזוי געלאָזן, זאָל ער קומען דער „מענטליק" אירער, דערמאַן און זאָל ער זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם חורבן.

שפּעט אין אָוונט איז דער מאַן געקומען. ער האָט אין דער פינסטערניש פון פאָדער-הויז אָנגעטאַפּט מיט די אויגן עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך, ווי אַן אָפּגעריסענער שאָטן וואָלט געבליבן פון עמיצן הענגען אויף דער וואַנט.

— ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— ווער איז דאָס?

עס איז געווען שטיל. ער האָט נאָר געהערט אַ שטיל כליפּען און אַן אָפּגעהאַקט אָטעמען.

נאָכאַמאָל:

— ווער איז דאָס?

דאָס כליפּען האָט אַרויסגעוואָרפן אַן ענטפער:

— ס׳איז איך.

דער מייסטער האָט צום ערשט געמיינט, אַז דאָס האָט מען אונטערגעוואָרפן עפּעס אַ קינד. ער האָט געטאַפּט אין

אַלע זיינע קעשענעס צו געפינען אַ שוועבעלע, און אַז ער האָט נישט געפונען, האָט ער אויפגעפּראַלט די טיר, הגם אויך פון דאָרט האָט אַרויסגעיאָגט אַ פינסטערניש. עס איז אים עפּעס געוואָרן אויפפּאַלענדיק, און כּדי נישט אָפּצוּלאָזן דעם שאָטן, מיט וועלכן ער האָט גערעדט, האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין איבערפרעגן „ווער איז דאָס"?

און אַז ער האָט ענדלעך דערזען ביים שיין פון פייער שטיין דאָס ייִנגל, ווי אַ הילפלאָז פייגעלע, האָט זיך דער מייסטער שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טוסטו דאָ אין פּאָדער־הויז?

אַלטערל האָט געהאַלטן אָנגעגרייט אַן ענטפער:

— מיך הונגערט!

דאָס ערשטע האָט דער באַלעבאָס געוואָלט וויסן, אויב ער האָט נישט געגעסן קיין מאָלצייט, און אַז אַלטערל האָט געשוויגן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענע שולד, וואָס ער האָט נישט געגעסן, האָט דער מייסטער צוגעלייגט:

— דו ווייסט נישט, ווו דאָס ברויט ליגט?

אויף דעם האָט זיך דאָס קול פון דער באַלעבאָסטע אָפּגערופן פון דער טיפער פינסטערניש אַרויס. דער באַלעבאָס האָט אויפגעהויבן דעם לאָמפּ העכער איבער זיין קאָפּ און געזען ווי זי ליגט שוין אין בעט מיט אַן אַרומגעבונדענעם שטערן. אין צימער איז געשטאַנען אַ נעץ נאָר אַרומצושווומען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען האָט שוין דאָ געמאַכט אַן ערב שבת, און כּדי אָנצולערנען זיין ווייב, האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם ייִנגל שאַרף:

— ווו האָסטו דיין קאַפּאָטע?

אַלטערל האָט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, אָבער ער האָט געפילט דעם באַלעבאָס כּוונה. ער האָט געשוויגן און דער באַלעבאָס איז געוואָרן שטרענגער:

— גיי צו דיין משפּחה. דאָ האָסטו קיין פּלאַץ נישט מער. און נישט צו וואַרטן אויף אַן ענטפער פונם ייִנגל, האָט ער אויפגעעפנט ברייט די טיר און איבערגעחזרט: — דאָ האָסטו קיין

פלאַץ נישט. דאָס ייִנגל איז אַרויסגעגאַנגען געהאָרכזאַם און מיט באַדויערן און ערשט אין פאָדער־הויז האָט ער געהערט ווי די טיר האָט זיך געגעבן אַ מאַך צו, אַז די שויבן אונטער די צוגעלעגנטע לאָדנס האָבן זיך אָזש צעקלונגען.

* * *

די שפּעטע שעה האָט אַריינגעווינט אין אַלטערלס געמיט. עס איז געווען אַ נאַסע קעלט. דער שניי, וואָס האָט געשאָטן איז ערגעץ ווו אויסגעגאַנגען. עס איז געבליבן ליגן אַן עסעדיקע נאַסקייט, וואָס האָט געביסן די פיס. אַלטערל איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון פאָדער־הויז, וואָס איז געווען אָנשטאָט אַ טויער צו דער שטוב, ווו זיין מייסטערס פאַבריקל פון געשליפענע שפּיגלען איז געווען. ער האָט אַרויסגעקוקט. די גאַס איז שוין געווען אָפּגעליידיקט און די גרינגע פייערלעך פון די גאַז־לאַמטערן האָבן געשטאָכן ווי מיט שפּיזלעך איינגעטונקען אין גאַל...

ווו צו גיין איצט, האָט ער נישט געהאַט און זיך נישט דערוועגט. ער האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע, ער האָט צו יעדן איינעם שוין געטראָפן. אָבער ער האָט זיך געשעמט, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון דער „שטעל״ און חוץ דעם, איז דאָך שוין אויך געווען שפּעט. ערגעץ אַנדערש זענען שוין די טויערן פאַרמאַכט, און דאָס פאָדער־טירל וועט דער נאַכט־היטער אויך צו מאַכן. אַלטערל האָט נישט געטראַכט נאָר באַשלאָסן, אַז ס'בעסטע וועט זיין, ווען ער וועט זיך זעצן אויף די טרעפּ פונם קעלער, אַט דער קעלער, צו וועלכן ער איז געוואוינט, דאָרט ווו זיין באַלעבאָסטע האַלט קאַרטאָפל, מייערן, קוילן און דאָס פּסחדיקע געפעס. דער קעלער איז נישט פאַרשלאָסן, ווייל ער קומט אויס ביי דער טיר פון זייער קיך. דאָס בעסטע וועט זיין דאָרט איבערצוזיצן די נאַכט, קיינער וועט אים נישט זען און קיינעם וועט ער נישט שטערן. באַלד אינדערפרי וועט ער זיך אַרויסכאַפּן און אַוועק צו זיינעם אַ חבר, אָדער גאָר אין קליינעם בית המדרשל, ווו עס איז וואַרים און אומעטיק.

ער האָט פּאַמעלעך אויפגעמאַכט דאָס הילצערנע טירל פונם קעלער, גוט צוגעדריקט די זאַוויאַזעס זיי זאָלן נישט שרייען און זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ערשטן טרעפּל, וואָס ער האָט דערפילט, אַז עס שניידט אים זיין קנעכל.

נאָר עפּעס איז געשען. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַזוי האָבן עפּעס המערס אָנגעהויבן צו שלאָגן אין די שליפן. אין קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהויבן צו מישן. ער איז געשלאָפן און אויפגעוועצן. חלומות האָבן זיך גענומען וויקלען אַרום זיין האַלדז און אים געשטיקט.

אינצווישנצייט

ווער עס איז געווען דער, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס הויז, האָט אַלטערל נישט געוווּסט. וואָרום ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין „געלעגער” אויף די שטיגן פון קעלער, איז שוין געווען געדיכט אַרום אים מיט מענטשן. אַלע האָבן גערעדט אינאיינעם, אים געריסן און געטרייסלט פאַר די אַקסלען. ער האָט אַפילו געהערט נאָך אין שלאָף, ווי אַ פּאָליצייאיש פייפל שניידט זיך דורך דער לופט, און ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דאָס ערשטע געזוכט דאָס פייפל, אָבער חוץ אַ מעשענעם בלעכל אויפן הויז־היטערס היטל, האָט ער אַרום זיך קיין שום מענטשן נישט דערקענט.

און ווער האָט אים טאַקע אויפגעוועקט, נאָכדעם ווי מען האָט אים געטראָפן ליגן ווי אַ קריכוואָרם, איינגעוויקלט אַזוי, אַז דער קאָפּ איז אויסגעקומען ־יפער איינגעצוירעט צווישן די קני? פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע איז געווען וולאַדיסלאַווא, דעם הויז־היטערס ווייב, בעת זי האָט געוואָלט אַרונטערגיין אין קעלער נאָך קוילן. (שפּעטער האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט, אַז דאָס איז געווען פּשוט אַ גליק, וואָס דעם הויז־היטערס ווייב האָט געהאַט אַ „טבע” יעדן פאַרטאָג צו גיין אין קעלער און אַרויסגנבענען אַ קיבל מיט קוילן...) האָט זיך איר טריט אָנגעשטויסן אָן עפּעס אַ ווייכער זאַך, און ווען זי האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, געגעבן אַ שטאָרך מיטן שפּיץ פון אירע שיך די ווייכע זאַך, האָט זי זיך צראָפּגעקייקלט פון די עט־

לעכע טרעפּ און געבליבן ליגן אויף דער ליימיקער ערד, ווי אַ צונויפגעקוילערטער, שטייפער שלאַנג, זי האָט אין איין שרעק געמאַכט אַ שפּרייז אויף צוריק איבער אַלע טרעפּלעך, און אַריינ־פאַלנדיק אין איר שטיבל, האָט זי זיך אַ לאָז אַראָפּ געטאָן פאַר דעם בילד פון דער „הייליקער מאַריע" און ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צעצלמט, האָט זי ערשט געמאַכט אַ געוואַלט.

איז זיך צונויפגעלאָפן דער גאַנצער „הויף" אין שלאָף־קופּקעס און אין שטעק־שיך. ווייבער אָנגעטאָן אין שטיוול און מענער איינגעהילט אין דאַרעס. אַלטערל האָט געעפנט די אויגן, נאָר דער מאַרך איז געווען פאַרשלאָפן. אין די אויגן זענען געלעגן איינגעשניטן די קעלער־טרעפּ און אין די אויערן איז געשטאַנען אַ פייכטע וואַנט, וואָס האָט נישט צוגעלאָזט צו זיין מוח קיין וואָרט.

נאָר פונדעסטוועגן, אַז מען האָט אויסגעבייטלט אַלדי בייזע חלומות צו זיין לעבן און צו זיינע הענט און פיס, האָט ער, ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען זיך אַרויסגעשאַרט אין גאַס אַריין. און אין נעבלנדיקן פאַרטאָג, אין פייכטן דרויסן האָט ער זיך אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און זיך געלאָזט גיין וווּהין די אויגן האָבן געוויזן און די פיס האָבן געטראָגן.

עס איז געווען גוט פאַר אַלטערלען, וואָס ער האָט נישט געטראַכט פון דער געפאַר, וואָס לויערט אויף אים, און וואָס דער טאָג, כאָטש ער האָט אים געוואָלט אויסציען, האָט זיך גענומען אָפּרוקן, און איידער וואָס און איידער ווען, זענען שוין יידן זיך צונויפגעקומען צו מנחה־מעריב אין בית המדרשל, ווו אַלטערל האָט זיך געמאַכט זיין טאָג־היים.

אין גאַס איז ער נישט געגאַנגען. עס איז אים געווען דורכנעמענדיק קאַלט. עפּעס אַ ברעכעניש איז געשטאַנען אין זיינע ביינער און פון צייט צו צייט האָט אַ ציטער מיט אים אויפגעשווידערט.

האָט ער געזען ווי עס לערנען יינגלעך, אַזוי אַלט און אַזוי גרויס ווי ער, האָט ער זיך אויך צוגעזעצט צו אַ גמרה

אויפגעמישט די בלעטער און צו דערזעלבער צייט אויפגעמישט די בלעטער פון זיין אייגן לעבן. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעקרעכצט, האָט אויסגעזוונגען אַ ליד פון זיינע יונגע אויסגעמאַטערטע טעג. עס איז אים געוואָרן באַנט און אייגן זיין „פאַרגאַנגענהייט״ ווען ער האָט נאָך געגעסן טעג און געטראָגן די יינגלעך אין חדר אַריין.

איינער אַ ייד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טויבער, צו־ליב די גרויסע שטיקער וואַטע, מיט וואָס זיינע אויערן זענען געווען פאַרקאָרקעוועט, איז אָן טענות ומענות צוגעגאַנגען צו אַלטערלען, אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געפרעגט: „שלום עליכם״ ?..

אַלטערל האָט די האַנט אָנגענומען און צוריק געענט־פערט, ווי אַ באַיאָרטער מענטש: „עליכם שלום״ און ווייטער גענומען זיך „פאַרטיפן״ אין דער גמרה.

האָט דער ייד געוואָלט וויסן:

— ביזט נישט קיין היגער?

— ניין.

— פון וואַנען איז אַ ייד?

אַלטערל האָט זיך אַליין עפּעס נישט דערקענט. וואָס עפּעס רופט יענער אים „ייד״? מאַכט ער אַ לצנות פון אים? צי אפשר איז ער נישט ער? ער האָט נישט געענטפערט. נאָר דער פרעמדער איז גלייך צוגעשטאַנען:

— האָסט שוין היינט עפּעס געהאַט אין דיין מויל?

אַלטערלען איז ווידער אויסגעקומען מאָדנע די פראַגע און ער האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן צו אים.

דער פרעמדער, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעזעצט צו אים מיט די פלייצעס און נאָר דאָס פנים אויסגעבויגן צו אים הינטערווייַלעכץ, האָט זיך אויסגעגלייכט, זיך עפּעס מישב געווען, דערנאָך זיך ווידער אויסגעדרייט צו אים, אָבער דאָס מאָל האָט ער שוין געהאַט אַ פאַפירן שקאָרמיצל אין דער האַנט, דערלאַנגט עס אַלטערלן און געזאָגט:

— מאַך אַ בורא פרי העץ!

אַלטערלס האַרץ איז געווען פאַרחלשט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שווימט אין אים אַרום פון דעם וואַכער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען, כּדי איינצושטילן דעם הונגער. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן שקאָרמיצל, ווי אָן אָן אבן טוב, נאָר צו עפענען עס איז ער נישט דרייסט געווען. דער פרעמדער האָט צוריקגענומען דעם שקאָרמיץ און אַרויס־גענומען פון דאָרט עטלעכע געטרוקנטע פלוימען, און נאָך אַמאָל דערמאָנענדיק וועגן אַ ברכה, האָט ער געזאָגט:

— לעגן זיך אונטער —"

אַלטערל האָט געגעסן און אים האָט זיך געדאַכט, ווי ער שלינגט פאַרטרוקנטע שטיקלעך בלאָטע. וואָרום די פלוימען האָבן קיין טעם נישט געהאַט. נישט זיס און נישט זויער, נישט ביטער און נישט ווייניק. דער ייד איז אַלץ געזעסן אויסגע־דרייט צו אים מיט דער פּלייצע, זיך אָוועקגעשאָקלט פון אים און עפּעס אונטערגעברומט. אַלטער האָט נישט געקאָנט כאַפּן, וואָס ער האָט געזאָגט, צי דאַוונט ער, צי לערנט ער און אפשר רעדט ער גאָר מיט זיך אַליין. ענדלעך איז דער ייד פאַרטיק געוואָרן און זיך צו אים אָנגערופן:

— וווּ צו שלאָפן האָסטו דאָך מסתמא נישט?

אַלטערל האָט געשוויגן.

— וואָסזשע זיצטו? קום.

דער ייד האָט זיך אויפגעהויבן. טיפער אַריינגעשרויפט די וואַטע אין די אויערן, פאַרפעסטיקט דאָס היטל אַרום דעם שטערן, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און פעסטער אײַנ־געצויגן דעם גאַרטל אַרום זיין בויך, זיך גרייט געמאַכט ווי מען גייט ערגעץ אַרויס אין די ווילדע ווייטענישן. ער איז אַרויס און דאָס ייִנגל נאָך אים. און איידער די נאָז האָט נאָך באַוויזן געפרוירן צו ווערן, זענען זיי שוין ביידע געווען אין דער היים.

די „היים" פון דעם אומבאַקאַנטן, פרעמד־היימישן ייד, איז באַשטאַנען פון עטלעכע חדרים. דאָס ערשטע איז מען אַריינגעקומען אין אַ קיך, אָנגעפילט מיט פאַרע, און אין דער

פאַרע האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון געפּרעגלטע ציבעלעס.

אַלטערל האָט געהערט, אַז אין קיך פּאַרקען זיך אַרום מענטשן. דאָס האָט ער אויך דערקענט פֿון דעם, וואָס עטלעכע פּאָר ליפּן האָבן עפּעס געזופּט, אָבער מחמת דער געדיכטעניש פֿון דער פּאַרע, האָט ער קיין פּנים נישט אַרויסגעזען.

דער ייד האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין קיך, געגאַנגען ווייטער און אין צווייטן צימער האָט ער שוין געזען דייטלעכער, עס זענען געשטאַנען פיר בעטן ווי אַ שלאָס־מעס — און אַ חוץ די בעטן — אַ קאַנאַפּע.

דערנאָך איז ווידער געקומען אַ צימער, וואָס איז געווען גרויס און גרוים. ליידיק און קאַלט. דאָרט, אין יענער שטוב האָט זיך דער ייד אויפגעשטאָפּט די אויערן, אַראָפּגעלייגט דעם קאָלנער, אויפגעגאַרטלט זיך, אָפּגעווישט די הענט אין די נאַסע שויבן און דערנאָך צוריקגעגאַנגען מיט אַלטערלען אין קיך אַריין, זאָגנדיק צו עמיצן:

— טוטס אַ מצווה און גיט דעם יינגל אַ לעפל געקעכץ.

האָט זיך אַ מיידעלש קול גלייך אָפּגערופן:

— זאָל ער זיך וואַשן און זעצן צום טיש.

דערויף האָט פֿון דער פּאַרע אַרויס אַ הייזעריק קול באַפוילן:

— לייג דאָס ברויט אויפן טיש.

צי ווייל די פּאַרע איז שיטערער געוואָרן, צי ווייל אין אַלטערס אויגן איז ליכטיקער געוואָרן, נאָר ווי מען נעמט אַוועק עפּעס אַ נעפּל פֿון זיינע אויגן, האָט ער אָנגעהויבן צו זען דייטלעכער און קלאָרער. ערשט איצט האָט ער געזען, ווי אין שטוב זענען פֿאַראַן עטלעכע מענטשן. בייַם טיש זיצט אַ ייד אין אַ קוטשמע און זיין באָרד איז איינגעטונקען אין דער שיסל, אַזוי, אַז זי מישט זיך אויס מיט די ברעקלעך ברויט, וואָס דער ייד האָט אַריינגעשניטן אין דער זופּ. אַנדערע יידן האָבן זיך געדרייט איבער דער שטוב און די־כגעוואָרפן זיך מיט ווערטער.

דאָס מיידל, וואָס האָט זיך געפּרעגט צי ער זאָל זיך וואַשן איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ רויט סטאַניקל און די

עלענבויגנס האָבן פון דאָרט אַרויסגעפלאַצט. דער קאָפּ און האַלדז איז געווען איינגעהילט אין אַ דאַרקעלע, און אויף די פּיס האָט זי געטראָגן צוויי גרויסע נישט פאַרשנורוועטע קאַמאַשן. אַלטערל בעת ער האָט אונטערגעשטעלט זיינע געפרוירענע הענט אונטער דעם וואַסער-קראַן, האָט געטראַכט, צי איז דאָס אַ קליין מיידעלע צו אַ כלה-מויד?

און ווען אַ רעפטל ברויט מיט אַ שיסל זופּ האָט זיך געפונען אין זיינע געדערים, איז אים סתם לייכטער און פרייליכער געוואָרן.

אַ תּכלית

דאָס ערשטע מאָל אין זיין ייִנגן לעבן איז אַלטערל געשלאָפֿן אין אַ וואַרעם בעט מיט אַ ווייך אונטערבעט פֿון פֿעדערן און אַ גרינג איבערבעט מיט פּוך.

אמת טאַקי, נישט אַליין איז ער געשלאָפֿן, נאָר מיט דעם ייִד צוזאַמען אין איין בעט, אינם אַלקער.

דאָס ייִנגל איז געווען אַזוי דורכגעפֿרוירן, אַז ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט, האָט ער זיך איינגעגנורעט אין דער טיפֿער ווייכקייט פֿון די איבערדעקן, אַז פֿון זיין אייגענע, דערוואַרימטער פּאַרע איז אים געוואָרן הייס און נאַס. אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי איז ער אַן אויסגעווייקטער אין שווייס און געפֿילט זיך גרינג אין געמיט, פֿריש און אויסגערוט.

דאָס מיידל איז אַלץ געגאַנגען מיט נישט צוגעשנורוועטע שיך און אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ מיט אַ דערע׳ע. ערשט שפּאַרנאַכט, ווען זי האָט אָפּגעגאָסן אין אַ באַזונדערע שיסל דאָס וואַסער פֿון די געקאָכטע לאָקשן, האָט זי געגעבן אַ בינד אָפּ דאָס פֿאַרטשיילעכל און אַריינגעוואָרפֿן צום ערשטן איר קאָפּ אין דעם הייסן וואַסער און דערנאָך אַ כאַפּ געטאָן אַלטערס קאָפּ, איינגעטונקען אים און גענומען אויסרייבן מיט זייף, וואָס איז געקראָכן אין די אויגן אַריין און געריסן... דערנאָך האָט זי מיט אַן אַלטע שמאַטע אי אירע האָר אי אַלטערס קאָפּ גוט אַרומגעווישט און אָפּגעטרוקנט.

האָט אַלטערל געזען ווי דאָס מיידל איז העכער פֿון אים

אפשר מיט צוויי קעפּ, נאָר אַ פּנים האָט עס אַזאַ יונגס, אַזאַ קינדערישעס, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט וועט זי זיך אָנוועקזעצן מיט אים אויף דער ערד און שפּילן אין סטרולקעס...

נאָר דאָס מיידל האָט זיך נישט געזעצט און נישט געשפּילט. זי האָט זיך געהאַלטן ערנסט מישענדיק מיט אַ גרויסן הילצערנע לעפל אין די פאַרשידענע טעפּ, וואָס האָבן געצוואַלעוועט מיט געקעכץ. זי האָט נאָר געהאַלטן אין איין בעטן אים:

– זינג עפּעס, ייִנגל.

– וואָס זאָל איך זינגען?

– וואָס דו קענסט.

– אַז איך קאָן גאָרנישט.

– דו זאָגסט נישט אמת.

האָט אַלטערל געשוויגן און אַ הנעה האָט אים געטאָן, וואָס ער זאָגט נישט אמת, וואָס זי ווייסט, אַז אין דער אמת קאָן ער יאָ זינגען.

נאָך וויטשערע זענען אַרויפגעקומען אין שטוב אַ סך מענטשן. די מערסטע ייִנגלעך מיט מיידלעך. פון זייערע רייד, האָט ער דערקענט, אַז דאָס זענען דינסטן, וואָרום יעדע האָט געהאַט צו דערציילן עפּעס פון איר „מאַדאַם" און נאָך יעדן דערציילן האָבן אַלע געלאַכט.

יעדעס מיידל האָט אַלטערלען צוגערופן צו זיך, אים געפרעגט צו ער וויל זיך עפּעס קויפן. די ייִנגען האָבן אים געגעבן אפילו צו קאָפּיקעס ער זאָל זינגען, נאָר זינגען האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט, כאָטש עס האָט אים אַלייך באַנג געטאָן און פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער זינגט נישט...

עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע טעג, און אַלטערל האָט אַלץ נישט געוווּסט דעם תכלית פון זיין זיין דאָ, און נאָך וואָס מען האַלט אים דאָ. ער האָט געפילט, אַז דאָס גוטסקייט וועט זיך גיך אויסלאָזן, און אַז תמיד וועט מען אים נישט האַלטן אין וואַרימען בעט. ער האָט אַפילו געהערט, ווי דער

ביישלעפער האָט אין שלאָף געקרעכצט, ווי ער, אַלטערל, וואָלט אים צוגענומען אַ חלק פון דער ווארימקייט. דאָס עסן וואָס ער האָט באַקומען, האָט זיך אים אויך אויסגעוויזן, ווי ער נעמט עמעצן צו, און אַז עס קומט אים נישט און ער האָט שוין גענומען טראַכטן וועגן אַוועקגיין און מער נישט צוריקקומען...

נאָר אומגעריכט איז אַזוי געשען:

די בחורים זענען געקומען צו אים און זיך געשפּאַסט מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם. דאָ האָבן זיי אים געהייסן, ער זאָל פאַר זיי אַראָפּרופן די מיידלעך פון די קוכן, און דאָ האָט מען אים געשיקט קויפן פּאַפּיראָסן און דערפאַר האָט מען אים עפּעס באַצאָלט, און דאָ ווידער זענען די מיידלעך געקומען צו אים און פאַרלאַנגט, ער זאָל פאַר זיי שרייבן בריוולעך פון אַ בריוונשטעלער אַרויס. אַלטערל האָט געקאָנט גוט לייענען עברי־טייטש פון אַ בריוונשטעלער און אַפילו פאַרטייטשן די לשון קודשדיקע ווערטער, מיט דעם האָבן זיך די דינסט - מיידלעך באַנוצט און דערפאַר האָבן זיי אים אָנגעבראַנגט גאַנצע טוצן אַלטע הויזן פון זייערע מאַ־דאַמענס קינדער, שאַליקלעך, זאָקן, וואָס האָבן זיך נישט גע־פּאַרט און הענטשקעס, וואָס די מערסטע פון זיי זענען גוט געווען נאָר אויף איין האַנט...

ער איז געוואָרן היימיש אין הויז פון זיינע נייע, פריינט, און ווען די מיידלעך מיט די בחורים זענען זיך, נאָך אָוונט־מאָלצייט צענויפגעקומען, האָט מען שוין אים נישט אים געדאַרפט בעטן, ער זאָל זינגען. זיין הילכיק שטימעלע האָט זיך געדרייט ווי אַ שרויפּנציער אַרויף צום בעליק און האָט אָפּגעקלונגען, אָפּגעציטערט אויף די שויבן. אַלע האָבן אים מיטגעהאָלפן, מיטגעזונגען און אַ זיסע רו האָט זיך ווי אויס־געבעט און אַריינגעלייגט אין זיין געמיט. אים איז גע־וואָרן גוט און אָנגענעם. עפּעס האָט מען זיך אים אָפּגע־געבן און אַריינגענומען אין רעדל, ווי אַ גאַר גרויסן. ער האָט זיך אַפילו פאַרשטעלט און געמאַכט גרימאַסן. ער האָט אויסגעזונגען גאַנצע שטיקער פון „אחשורוש שפּיל" און פון

„יוסף מיט זיינע ברודער" און פון אַ „חסיד און אַ אפיקורות", ער האָט געזונגען דועטן מיט אַנדערע, און פון דער גאַנצער גאַס איז מען געקומען הערן ווי אַלטערל זינגט.

צווישן די, וואָס האָבן אים געהערט איז אויך געווען איינער, אַ געגריוועטער שוסטער. ער איז דאָרט אַרויפגעקומען אין הויז זיך טרעפן נישט מיט קיין דינסטמיידל, נאָר מיט אַ „באַלעבאַטיש קינד", אַ רייכער טאָכטער.

די באַלעבאַטישע טאָכטער איז געווען פאַרליבט אין דעם געגריוועטן שוסטער און נאָך מער – אין דעם, וואָס ער זינגט אין יידישן טעאַטער. זי טרעפט זיך מיט אים נישט אָפט, און דער וואָס פאַרבינדט זיי, איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי אַלטערל. ער טראָגט עס די בריוולעך פון איר צו אים און פון אים צו איר. דערפאַר קריגט ער פון אים אַ קאָפּיקע און פון איר – אַן איינגעפּאַקטע האַלבע, געבראָטענע הון...

דער געגריוועטער שוסטער האָט זיך שוין לאַנג פאַרנו־מען צו מאַכן פון דעם „יאַט" אַ לייט. אָבער וויפל מאָל ער האָט גערעדט מיטן „דירעקטאָר" פון יידישן טעאַטער, האָט יענער אים געגרעפּצט אין מויל אַריין און נישט געלאָזט קומען צום פּסוק. דער שוסטער האָט דערציילט פאַר דער גאַנצער טרופּע, וואָס פאַר אַ ליכטיק קולעכל דאָס יונגל האָט, אָבער ער האָט אַפילו קיין פרייען „פּאַספּאַרטו" נישט געקאָנט קריגן פאַר אים, ער זאָל זען ווי מען שפּילט טעאַטער.

און אַז דער ייד פון אַלקיר האָט געזען, אַז די דינסט־מיידן מיט די שוסטער־געזעלן האָבן אַריינגענומען דעם יינגל אין זייערע הענט אַריין, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטס וועט שוין פון דעם נישט אַרויסקומען, אַז קיין תכלית וועט שוין דאָ נישט זיין.

ער האָט גענומען קלערן דעם יינגל אָוועקצוגעבן צו אַ בעל־מלאכה, אָבער עס האָט זיך נישט אונטערגערוקט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ראוי זיין פאַר אַזאַ וואויל קעפּל, ווי ער האָט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, נאָכגעפאָרשט און נאָכגעזוכט, ביז דער גורל איז געפאַלן אים אָוועקצוגעבן צו אַ בעקער.

ער האָט מיט קיינעם נישט איבערגערעדט. אָוועקגע,

גאַנגען צום בעקער, זיך אָװעקגעשטעלט אין אויװן־גרוב, געצײלט װערטער, װי ער װאָלט זײ אַרױסגעצײלט אויף דער לאָפּעטע, דער בעקער האָט אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרײַנגערוקט אַ לאָפּעטע מיט פּלעצלעך אינם אויװן אַרײַן און געװאָרט, װי דעם יידס װערטער װאָלטן זיך צום ערשט געדאַרפן אָפּבאַקן, כּדי ער זאָל באַנעמען, װאָס ער װיל פון אים.

דער ייד האָט געטנהט:

–עס איז אַ גרויסע מצוה. אַ איידל קינד, אַ טייער קינד און אַ גוטער לערנער אויך. אַ קאָפּ, ממש אויף שרויפן.

האָט דער בעקער צוריקגעטענהט:

–אַז װאָס דאַרף איך זיין קאָפּ. אַ פּאָר אַקסלען האָט ער? אַ פּאָר הענט פאַרמאָגט ער? אַ קויש מים געבעקס װעט ער קאָנען טראָגן צו די זיצערקעס?

האָט דער ייד צוריק באַשטעטיקט:

– װאָס הייסט? אַ געזונט ייִנגל, איר זאָלט אים נאָר געבן צו עסן.

האָט דער בעקער אַרויסגעצויגן די לאָפּעטע פּלעצלעך, זיי באַזאַלצן און צוריקגעענטפערט:

– עסן? אַפילו צװעצטערהייט. זאָל ער נאָר קענען טראָגן אַ האַלב זעקל מעל, אָנװאַרפן אַ אויװן האָלץ און אָנגיסן אַ בייט װאַסער, װעט ער שוין האָבן צו עסן.

איז דער ייד באַשטאַנען, זיך משוה געװען. גאַנצע פופצן קאַרבן אַ זמן, און פאַר טשאָלנטער באַזונדער. מען האָט זיך צוגעװונטשן און דער ייד איז אַװעקגעלאָפן אָנזאָגן אַלטערלען די בשורה, אַז ער האָט אויסגעפונען אַ תּכלית פאַר אים.

בײַם בעקער

אין אַן אינדערפֿרי האָט דער ייִד אַלטערלען אָוועקגעפֿירט צום בעקער און אים דאָרט איבערגעלאָזט אָן אַ זײַ געזונט.

דער בעקער האָט אים באַטראַכט, ווי מען באַטראַכט אַ יונג פֿערדל, מיט די אויגן אויסגעפּרוווט זײַנע אַקסלען, קוקנ־דיק צו דער זעלבער צײַט אויפֿן גרויסן, ברוינעם געפֿלאָכטענעם קויש, וואָס איז געווען אָנגעפּולט מיט בייגל און פּלעצלעך.

כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער הייסט אַלטער, האָט אים דער באַלעבאָס גערופֿן „חסידל״ און די געזעלן — „חזן״...

פֿאַרוואָס, חזן ווייסט ער נישט, נישט ער האָט געזונגען פֿאַר זײַ און נישט ער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן זינגען.

שפּעטער האָט דער באַלעבאָס אַליין שוין אויך אויפֿגע־הערט רופֿן אים חסיד און גלײַך מיט אַלע זיך געשאַפֿן מיט אים:

— חזן, ברענג אַרײַן אַ פֿאַר אָרימס האָלץ!

— חזן, גיס אָן וואַסער!

און אַזוי כּסדר. חזן, מאַך פֿײַער, שיט אַרײַן אין בײַט דאָס מעל, קלאַפּ אויס די זעק, קראַץ אָפּ די לאָפּעטעס און — גײ ברענגען די טשאָלענטער!...

און אַלטערל האָט געפֿאָלגט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער שוין געהאַט פֿאַרגעסן אָן דער פֿרײַער וועלט. אויס־געמעקט איז געוואָרן פֿאַר אים די „בערזע״, ווו ער פֿלעגט קומען יעדן שבת נאָכן עסן און זיך טרעפֿן מיט נאָך אַזוינע ייִנגלעך ווי ער. ער האָט נישט געוווּסט נאָך וואָס ער איז

געגאַנגען אַהין און וואָס ער האָט דאָרט צו טון. אָבער חברים האָבן אים מיטגענומען. ער האָט געזען ווי גרויסע, דערוואַק־סענע בחורים מיט לאַנגע, געדיכטע האָר דרייען זיך פאַרביי אים און זיינע חברים. ער האָט אויפגענומען זייערע שעפּטשע־רייען אין אויער:

— דריי זיך אַוועק... וואַרט אין ראָג... עס זענען דאָ אויסקוקערס.

און ער, גלייך מיט אַנדערע, האָט זיך אַוועקגעדרייט. מורא געהאַט און פאָרט געגאַנגען. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס די גרויסע גיבן אים אַמאָל די האַנט און הייסן קומען אין קרייזל...

אָבער דאָס איז געווען דאַמאָלט, ווען ער האָט געאַרבעט ביים שפּיגל־שלייפער. דאָרט איז געווען דער לאַנגער לייבל, וואָס איז געווען אַזוי הויך, אַז ער, עלטערל האָט געפּרוּווט, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, אַדורכגיין דורך זיינע פיס, ווי מען גייט דורך דורך אַ טויער... דער לאַנגער לייבל האָט אים איינמאָל געזאָגט אַזוי:

— עלטער, דו ביזט אַ אַרבעטאָרער, און דו מוזט קומען זיך פאַריייניקן...

ער געדענקט אַפילו, ווי אויף דער „בערזע“, וואָס האָט פאַרנומען אַ שמאָלן טראָטואַר פון איין געסל ביזן אַנדערן, האָט מען גערעדט וועגן אים, עלטערלען, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים צוגענומען, ווי אַ קנעכט אויף דריי יאָר. מען האָט דאַמאָלט אַפילו גערעדט, אַז מען וועט עס נישט דערלאָזן, און עלטערל האָט באמת געציטערט, טאָמער קומט מען צו דעם באַלעבאָס טענהן וועגן אים, וועט דער באַלעבאָס גאָר אינגאַנצן אים אַוועקטרייבן...

נאָר געקומען איז מען קיינמאָל נישט. ס'קאָן זיין, ווען מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן, האָט ער געדאַרפט גיין אויף דער בערזע זיך פאַרקלאָגן, ער איז אָבער נישט געגאַנגען. דעם לאַנגן לייבל האָט ער קיינמאָל מער נישט געזען, און אַנשטאָט דעם, איז ער גאָר אַריינגעפאַלן צו דעם ייד אין

„הינערשטייג" און זיך אָפּגעגעבן מיט אַנדערע, מיט יונגען און מיט מיידן, וואָס האָבן געזונגען לידער נישט פון „אַרבעט און ברויט" נישט „שוסטער און בריידער", נאָר פון „אַ ליבע איז גוט צו פירן", פון „עקדת יצחק" און „פאַריאָמערט און פאַרקלאָגט"...

אַלטערל ווייסט קלאָר, אַז ווען נישט יענער ייד, וואָלט ער איצט נישט געווען קיין בעקער־יונגל. ער זעט איצט באַ־שיימפּערלעך, אַז עס איז אים שלעכט, אַז ער קאָן זיך ממש אויף די פיס נישט האַלטן, אַז דער שלאָף ליגט אים אין האַלדז ווי אַ שטיק לייכעכץ, וואָס ער קאָן נישט אויסשפּייען...

ווען אַלטערל איז אָנגעקומען דעם ערשטן טאָג צום בעקער איז נאָך געווען גאַנץ פרי. אין בעקערײַ איז נאָך קיינער נישט געווען חוץ דער באַלעבאָס. אָבער פון די טייג־ברעטער, וואָס זענען געשטאַנען משופּע, ווי לייטערס, אָנגעשפּאַרט אין פּיע־קעליק און אין אויוון־גרוב, האָבן אַראָפּגעשנאָרכט עטלעכע יונגען. דער באַלעבאָס האָט אים אָנגעוויזן אויף אַזאַ ברעט און געזאָגט:

— איצט גיי לייג זיך צו.

האָט ער געענטפערט:

— מיך שלעפערט נישט.

— עס וועט דיך שוין שלעפערן.

אַלטערלן איז אַ שאָד געווען דאָס טילופל, וואָס אַ דינסט־מיידל האָט אים געשאָנקען פון איר מאַדאַמישעס יונגל, און וואָס ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'זאָל זיך נישט איינמעלן. אָבער אַ ווייסער שטויב פון אַן איבערגעקערטן ליידיקן זאַק פון מעל, האָט גלייך באַזייטיקט אָט די מורא. ער, צוזאַמען מיט זיין טילופל, זענען אין איין רגע ווייס געוואָרן, ווי אַ ווייטער ווינט וואָלט מיטאַמאָל אַ שניי אָנגעטראָגן.

דער באַלעבאָס איז אַרויסגעגאַנגען. און כאָטש אַלטערל איז געווען זאַט, האָבן אים אָבער געלאָקט די פרישע בייגלן וואָס זענען געלעגן אין קויש און ער האָט געטראַכט, צי זענען זיי געציילטע, צי אומגעציילטע. ער האָט געוואָלט פאַרזוכן, אָבער אים האָט געשראָקן דאָס פייפן פון די יונגענס נעזער.

עס האָט אים נישט געלאָזט איינליגן. ער איז אַרומגעגאַנגען, באַקוקט די בעקעריי און אַרומגעזוכט די גריל, וואָס האָט פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש געזשומעט...

—————

ווען די יונגען זענען אויפגעשטאַנען האָבן זיי אַלטערלען נישט אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. פאַרקערט, אַלטערל האָט נאָך אויף זיי געעפנט זיינע אויגן. די יונגען זענען געווען אָן הויזן און אָן אויבערלייבלעך. זיי זענען געגאַנגען אין גאַטקעס, אין העמדער, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָליר פון אַש; די האָר זייערע זענען געווען פאַרפּאַפּט פון סאַזשע און מעל. זיי האָבן זיך געקראַצט מיט אַלע נעגל אונטער די אָרעמס. איינער האָט פאַרשלאָפן אַרויסגעקרעכצט:

— אַ נייער יונג?

אַלטערל האָט געשוויגן. און אַן אַנדערער האָט צוגעגעבן:

— טו זיך אָן אַ זאַק.

אַ דריטער האָט אַלטערלען פּשוט צוגעשטופּט צו דער וואַנט. אים אַראָפּגעצויגן די הויזן, און אַ פערטער האָט אים דערלאַנגט אַ זאַק מיט אַ שטריק און געזאָגט:

— דאָ דאַרף מען נישט קיין פּאַצעטן.

אַלטערל האָט זיך אַרומגענומען מיטן זאַק און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געהאָלפן טון, דאָס וואָס מען האָט אים געהייסן, און אַלע האָבן זיך געשאַפן מיט אים.

עס איז געוואָרן נאַכט. דער אויוון האָט אויפגעפלאַמט, דאָס פייער האָט געקנאַקט און געשפּריצט אינעווייניק מיט פונקען. אַלטערל האָט גראַד דאָס ליב געהאַט צו באַטראַכטן, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן, איז אים אַ זאַק פון מעל אָדער אויסגעמישט מיט סאַזשע, געפלויגן אין קאָפּ אַריין...

ער איז געשטאַנען, גלייך מיט אַלע אַנדערע יונגען, אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט, כאָטש ער האָט נישט געהאַט אַזאַ אַרבעט, ווי די אַנדערע. צו די בייטן האָט מען אים נישט

צוגעלאָזט, טייגלעך מאַכן האָט מען אים נישט געגעבן, ער איז בלויז געשטאַנען מיט אַ פלעדערוויש, איינגעטונקען אין גלאָזונע־וואַסער און געשמירט איבער די בייגל, וואָס האָבן זיך געהאַט צוגעברוינט קעגניבער דעם פלאַם פון אויוון.

דעם ערשטן פאַרטאָג איז אים שווערער געווען ווי תמיד. אין דרויסן האָט נאָך געברענט די לאַמטערן פאַר דער בעקעריי, ווען ער איז געשטאַנען מיט אַ גרויסן קויש געבעקס אויף די אַקסלען, גרייט עס פאַנאַנדערצוטראָגן איבער די באַזאָרן צו די מאַרק־ייִצערקעס.

עס איז געווען קאַלט און דער ווינט האָט יעדע ווײַלע אויפגעוויקלט דעם זאַק, וואָס איז געווען אַרומגענומען אַרום זיינע לענדן. דער קויש איז געווען שווער און האָט זיך אַרײַנ־געשניטן מיט דער לאַסט אין זיינע אַקסלען.

איינער פון די גאַסן איז געגאַנגען פאַרויס און אים געוויזן די קונים. ער איז נאָכגעגאַנגען און געקרעכצט. אַלע ווייל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט געוואָלט אי דעם זאַק פעסטער אַרומנעמען אי דעם קויש איבערבייטן, אָבער איין האַנט זיינע האָט געמוזט דינען פאַר אַן אָנשפּאַר, אויף וואָס דער קויש זאָל זיך קענען האַלטן, און מיט דער אַנדערער האָט ער געמוזט צוהאַלטן דעם ראַנד פון קויש אויבן איבערן קאָפּ, איז ער ווייטער געגאַנגען, אַז דער אָטעם האָט אים פאַרפעלט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטענדיקע פּיין פאַר אים. די אַרבעט איז געווען שווער און נודנע פון נישט שלאָפן. די בעקער־יונגען האָבן אים געטרייסט, אַז פּרייטיק־צו־נאַכטס וועט ער זיך שוין אויסשלאָפן. פון זעקס פאַרנאַכט, ווען מען דאַרף זיי אַרויסרוקן. און טאָמיר איז דאָס נאָך ווייניק — קאָן מען זיך שבת נאָכן קוגעל אויך אויסציען אויפן פּיעקעליק און שלאָפן ביז מען צינדט אָן אַ ליכט.

אַלטערל איז שטאַרק ביי זיך אָראָפּגעפאַלן. די וועלט איז פאַר אים געווען פאַרשלאָסן. וואָרום ווי האָט ער זיך גע־קאָנט ווייזן פאַר דער וועלט, ווען ער גייט אָנגעטאָן אַ זאַק

אויף זיך. ער האָט אָפּטמאָל באַגעגנט די, מיט וועמען ער איז באַקאַנט געוועזן נאָך פון פריער, בעת ער האָט געאַרבעט אין שפיגל־פאַבריקל. ער האָט זיי אויסגעמיטן. אויף זיין מאַטן, אויסגעמאַטערטן פנים, האָט זיך אָנגעצונדן די בושה.

אָבער איינמאָל האָט זיך דער געגריוועטער שוסטער פון ערגעץ אָפּגעזוכט. דאָס איז געווען אַ שבת פאַרן עסן. ער האָט געטראָפן אַלטערלען אַן אויסגעשמירטן און אויסגעפּעצטן, טראָגנ־דיק אַ שוואַרצע, אייזערנע דיניצע, וואָס איז געווען פול מיט וואַסער, פּעטס, קאַרטאָפל. די שטאַרץ איז געווען אַרומגעקלעבט מיט פאַרברוינטן פּאַפּיר. אַלטערל איז געגאַנגען און עס האָט געפּליאָכקעט. ער האָט געהאַט „זיינע" באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן אים געגעבן עטלעכע גראָשן פאַר ברענגען און אָפּטראָגן דאָס טשאָלענט, און דער עיקר—אָפּהיטן עס זאָל נישט פאַרביטן ווערן מיט אַן אָרעמען טאָפּ גרויפּן... דער געגריוועטער שוס־טער האָט אים אָפּגעשטעלט:

— וואָס מאַכסטו יאָט?

אַלטערל האָט אים נישט דערקענט.

— רייב איין — האָט דער שוסטער אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט — קאָנסט מיך נישט?

אַלטערלען איז דאָס בלוט געקומען אין פנים אַריין. ער האָט זיך געוואָלט אויסרייסן און אַנטלויפן. נאָר דער געגרי־וועטער שוסטער האָט אָנגעכאַפּט דעם טשאָלענט־טאָפּ:

— וואָס איז, וואָס וואַרפסט דיך דאָס קדחת? איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן, צדיקל.

אַלטערל האָט געהערט:

— מיר גייען שפּילן אַ שטיק אין טעאַטער, הייסט עס דאָס „פּינטעלע ייד", אַ גרויסאַרטיקע זאַך. דאַרף מען האָבן קליינע זינגערלעך, מיט גוטע שטימען. מען האָט דיך געהייסן ברענגען. ווילסטו?

— איך האָב מורא!

— אויף מיין קאָפּ זאָל דאָס פאַלן, אויב ס'וועט דיר עפּעס פעלן, ווילסטו?

— און דער באַלעבאָס?

— לאָז אים לויפן. ס'וועט דיר זײַן וואויל און ליכטיק. ווילסטו?

— ער וועט מיך שלאָגן.

— זאָל ער נאָר אַ פינגער צולייגן צו דיר.

דער געגריוועטער שוסטער האָט אַרויסגענומען דעם טאָפּ פון אַלטערס הענט און איבגעוועקגעשטעלט אויף אַ יאַטקע־קלאָץ:

— זאָלן די הינט האָבן אַ גוטן שבת. קום!

אַלטערל האָט נישט ווילנדיק אַ קוק געגעבן אויף זיך, אויפן זאַק. דער געגריוועטער שוסטער האָט דאָס באַמערקט און באַדויערט:

— אַ תכלית האָט מען דאָס געמאַכט פון דיר. ווו האָסטו די הויזן?

— ביים באַלעבאָס.

— קום מיט מיר.

— איך האָב מורא, האָט אַלטערל געטענהט און זיך צוריקגעלאָזט צו דער דיניצע.

דער שוסטער האָט אים אָנגעכאַפּט.

— פייף אויף זיי, אויף זייערע הויזן. קום, וועסט זיין אַ פּריץ — ווי מיין מאַמע איז מיר טייער.

ער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים ערגעץ ווו אַוועקגעצויגן.

אַלטערל האָט זיך אומגעדרייט און געזען, ווי צוויי הינט פאַרען זיך שוין אַרום דעם טשאָלענט־טאָפּ.

די באַפרייונג

געשפּילט האָט מען אין טעאַטער „דאָס פּינטעלע ייד" און אַלטערלען האָט מען נאָך מיט וואָכן פריער אויסגעלערנט זינגען אין קינדער־כאָר.

אין דער צייט פון לערנען האָט ער איבערגעלעבט דאָס אייגענע, וואָס אַמאָל בעת דער פּרעמדער חזן איז געקומען מיט די משוררים אין זיין אָפּגעבּרענט שטעטל.

מיט אַ פאַרכאַפּט האַרץ, האָט ער זיך געגרייט אויף דעם, וואָס עס וועט זיין און זיך געשראָקן דערפאַר.

ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז שלאָפנדיק וועט די צייט בלייבן שטיין אויף איין אָרט, און ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער געשען.

דער געגריוועטער שוסטער האָט אים אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך געלערנט, געהאַלטן ביי זיך. אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט פועלן, אַז דער דירעקטאָר זאָל אַלטערלען באַ־פרייען און באַשוכן (וואָרום אַוועקגענומען האָט ער דאָך אים פון בעקער אין איין... זאַק) האָט ער אים דערווייל אָפּגעגעבן אין דער לער צו אַ שטובן־מאָלער און טאַפּעטן־קלעבער.

דער באַלעבאָס, וואָס האָט אים געהאַלטן, נאָר כּדי ער זאָל אים העלפן טראָגן אַ לייטער, איז דווקא געווען גוטמוטיק און אויפגעלייגט און אין די הייזער, ווו ער איז געקומען מאָלן די שטובן, פלעגט ער אַרויסשטעלן זיין „געזעלן" ווי אַ שילד, אַז די שטוב וועט זיין שיין אויסגעמאָלט והו ראיה, ער — דער

געזעלן, איז אַ זינגערל און וועט איינגיכן שפּילן אַ ראָלע אין טעאַטער.
ער פּלעגט אין אַזעלכע גוטמוטיקע שעהן טענהן:
— וועסטו אונז, אַלטער, כאַטש אַריינגעמען אָן געלט זען די „קי־ץ״?
די באַלעבאָסטע, וואָס האָט געוואָלט זיין אַ „מאַדאַם״, האָט עס געאַרט הלמאי ער, דער באַלעבאָס, דער מייסטער זאָל זיך אַזוי לייכט באַגיין מיט זיין „מענטש״, אַז קיין ברעקל רעספּעקט זאָל ער צו אים נישט האָבן. און דער „מייסטער״ פּלעגט איר צוריקהאַלטן:
— גיי, שוטה, אַ קינד...
און די „מיינסטראָווע״ ווידער, וואָס האָט טאַקע געוואָלט ווייזן, וואָס אַ קינד הייסט, האָט באַשטימט פאַר אים נישט מער, ווי אַ רעפטל ברויט אַ טאָג:
— זומער, אַז ס׳וועט זיין מער אַרבעט, וועסטו קריגן מער — האָט זי אים געטרייסט מיט הבטחות.
און כדי דאָס זאָל אים אויך נישט באַקומען האָט זי צוגעלייגט:
— און מיט די קונצנמאַכער וועסטו נישט קיין צייט האָבן זיך צו פאַרנעמען...
דער מייסטער איז געווען זיכער, אַז דערפאַר, וואָס ער האַלט אויס דעם „יונג״ אין די ווינטער־חדשים, ווען קיין אַרבעט איז נישטאָ לרוב, וועט עס אים זומער קאָסטן ביליקער. און דאָס ווייב זיינע האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן:
— אַז מיט דיין צוגעלאָזנקייט וועסטו אים גאָר האָבן בחנים אָנגעפּאַשעט, אַן אַנדערער וועט האָבן נוץ פון אים.
נאָר דערווייל איז דער געגריוועטער שוסטער געקומען יעדן טאָג נאָך אים, גענומען צו רעפּעטיציעס און אים צוריק־געברענגט. און אָנגעזאָגט האָט ער אים:
— למען השם זאָלסט איינדערהיים נישט זינגען.
און וויפל מאָל דער באַלעבאָס האָט זיך געבעטן (מערסטנ־טיילס, ווען ער האָט געהאַלטן זיינע פיס אין אַ שיסל קאָכנדיק וואַסער און זיך אויפגעטייעט די פאַרפרוירענע פינגער) „זינג עפּעס, לאָמיך הערן וואָס די קאָנסט״, האָט זיך אַלטערל איינ־געעקשנט און געשוויגן.

האָט דאָס אָפּילו אויך די „מייסטראָוועס" אויפגעבראַכט און זי האָט צוגעבורטשעט:

— גיב דאָס צו פרעסן... און ס'זאָל אפילו ווייזן, וואָס עס קאָן — פאַר אונזער ברויט...

אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז צום אָוונט פון דער פאָרשטעלונג. האַרט פאַר דער פאָרשטעלונג האָט זיך די באַלעבאָסטע איינגעשפּאַרט, זי לאָזט אים נישט גיין און טו איר עפּעס.

אַלטערל האָט געוויינט. אַלע זיינע אויסגעחלומטע וועלטן האָבן זיך פּלוצים גענומען טרייסלען.

דער באַלעבאָס האָט נישט מסכים געווען, נאָר אַז ער האָט געשוויגן, האָט זיך די באַלעבאָסטע געפילט תקיף.

פאַר דעם ייִנגל האָט זיך, ווי דער שטייגער איז, אָנגענומען דער געגריוועטער שוסטער. די באַלעבאָסטע האָט ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט:

— אַז איר ווילט אים, גיט מיר צוריק, וואָס ער האָט מיך געקאָסט. — דאַן איז דער שוכטער אַוועק און איז באַלד צוריקגעקומען צוזאַמען מיטן דירעקטאָר. דער דירעקטאָר איז נישט אַרויפגעגאַנגען אויפן פּערטן גאָרן, ווו דאָס „שנעקל" האָט זיך געפונען. ער האָט כּלל נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז ער דאַרף אַזוי נויטיק האָבן דעם ייִנגערל און ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט זיין אומצופרידנהייט, וואָס מען האָט אים מטריח געווען. דאָס האָט דעם געגריוועטן שוסטער געאַרט, וואָרום ער האָט געוווּסט, אַז דאָס, וואָס דער דירעקטאָר זאָגט איז שאו ושקר, ווייל אָן אַלטערלן קאָן ער זיך נישט באַגיין.

בעת דער דירעקטאָר איז צוגעקומען פירן „אונטערהאַנדלונגען" מיט דעם „מאַדאַם", איז ער נישט אַראָפּ פון דער דראָשקע, ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט די האַנט אויפן ביינערנעם קאָפּ פון שטעקן, וואָס האָט געשטעקט, ווי אַן אַרויסגעוואַקסענער סלופּ פון צווישן די קני, און געוואַרט.

די מאַדאַם האָט אויך נישט געוואָלט ווייזן, אַז זי איז עפּעס אַזאַ נאָכגיביקע, האָט זי זיך אויך נישט געאיילט. דער געגריוועטער שוסטער האָט זיך ממש פון דער הויט געריסן,

זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער דירעקטאָר וועט אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן דעם יינגל, נאָר מחמת גדלות וועט ער זיך אָוועקפּאָרן און איבערלאָזן אַלטערלן מיט זיין טיפן עגמת נפש.

דער דירעקטאָר האָט אַלזאָ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און נאָך איידער דער געגריוועטער שוסטער האָט צייט געהאַט צו זאָגן דער מאַדאַם, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס מען ווענדעט זיך צו איר, איז די דראָשקע אַוועקגעפאָרן און דער שוסטער איז געבליבן שטיין, ווי אַ נאַר אויפן מאַרק, איבער־לאָזנדיק אַלטערלן אין אַ פאַרגאַנגען כליפּן...

די מאַדאַם איז ענדלעך אַראָפּגעקומען פונעם פערטן גאָרן אויך מיט עגמת נפש צוליב דעם, וואָס די „אונטערהאַנדלונגען" האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. זי איז געווען בייז, אַזוי אַז דעם געגריוועטן שוסטער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר פּנים, איינגאַנצן איז געוואָרן ווי אַ רויטער מייער. זי האָט אונטער־געשטופּט אַלטערלן ער זאָל אַרויפגיין, ווי מען שטופּט אונטער אַ יונג קעלבעל, נאָכדעם ווי מען האָט די קו, די מאַמע, פאַרקויפט און צוגענומען.

אַלטערלס צער האָט קיין ברעג נישט געהאַט. שוין ביי דער טיר פון דער וווינונג איז דער שוסטער אונטערגעשפּרונגען און אויסגעבראָכן, אָנכאַפּנדיק דערוויל אַלטערלן ביי דער פּלייצע און שלעפּנדיק אים אויף צוריקוועגס:

— וואָס איז דאָ שקלאַפּן־האַנדל? נישט היינט מאַדאַמעשי!

די מאַדאַם האָט זיך דערשראָקן און געפּרוווט שרייען, געוואָלט גזלנים! אָבער דער געגריוועטער שוסטער האָט שוין געהאַלטן זיין האַנט, וואָס האָט געהאַט איינגעטאַמאַלעטע פינגער, אויף איר מויל, פעסט און שטייף צוגעהאַלטן, אַז איר האָט זיך געדאַכט, ווי ער פאַרשטאָפּט מיט פעך איר אָטעם, און ז בלייבט ליגן אַ פאַרשטיקטע. ער האָט אַלץ געוואָרנט:

— וואָס מיינט איר, עס זענען די אַלטע צייטן, וואָס מען האָט געדונגען אַ קנעכט און נישט געוואָלט אָפּלאָזן? איך גיב אייך איבער דער „בערזע", וועט זיין ווי צו אייערע יאָר.

עס זענען אַרויסגעלאָפן שכנים, אָבער דער שוסטער האָט

אַלץ געהאַלטן איין האַנט אויף דער באַלעבאָסטעס מויל און די אַנדערע — אויף אַלטערלס קאָלנער און געטענהט:
— אַז אַ ייִנגל שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פאַר הונגער, און אָן אַ געוואַשן העמדל גייט עס, און די פינגערלעך פון די שיכלעך קוקן אַרויס, וועט איר אים נאָך האַלטן און פייניקן!
די מאַדאַם האָט זיך קוים באַפרייט פון די סמאָליקע פינגער און געפּרוווט צוריקענטפערן:
— אַז ס'איז נאָך קיין אַרבעט נישטאָ, טו איך אים אָן עוולה? הכלל, אַהין און אַהער. מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט. זי איז שוין באַשטאַנען אַלטער זאָל אַוועקגיין, אַז זיין געביין זאָל דאָ מער נישט זיין, אָבער דאָס וואָס זי האָט אַריינגעלייגט אין אים, דאַרף זי אַרויסנעמען.
— אפשר ווילט איר שמאַלץ אויף פסח פון אים, האָט שוין דער געגריוועטער שוסטער זיך געפּילט ווי אויפן זאָטל, נאָך דעם, ווי ער האָט געזען, אַז זי ווערט מרוצה אים אָפּצולאָזן.
— אַ גאַנצן ווינטער געפּאַשעט פאַר פרעמדעסוועגן — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט.
דער געגריוועטער שוסטער איז געלאָפן צום דירעקטאָר, ער זאָל כאָטש איר אָפּגעבן פאַר די „קעסט", אָבער דער דירעקטאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט אַלטערלען אַזוי אויך נישט האַלטן, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און איינמאָל ניין...
איז דער שוסטער צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז ער איז געווען אויף דער „בערזע" און מען האָט איר צוויסן געגעבן, אַז אויב זי וועט נישט דעם ייִנגל באַפרייען, וועט זיין שלעכט מיט איר.
האָט זי איינגעזען, אַז זי וועט גאָרנישט אויפטון, אַרויסגענומען אַביסל שמאַטעס, וואָס איז געווען אַלטערלס אייגנס, עס אַ וואָרף געטאָן און נאָכגעשריגן:
— פאַרנעם זיך און גיי! זאָל מען מיר אָפּגילטן, איך זאָל זיי נאָך אַמאָל אַריינלאָזן, די שנאָרערס.
און דער שוסטער האָט גענומען אַלטערלען ביים האַנט און געגאַנגען.

אין טעאַטער

די לאָמפּן האָבן געברענט אונטער אַלטערלס פּיס אויף דער בינע און האָבן ארויפגעשאָסן, ווי מיט טויזנט זונען אין זיינע אויגן.

אינעווייניק אין זאַל איז געווען ווי אַ נעפּל. אַ וואַנט, אַ ליכטיקע, אַ בלענדנדיקע איז געשטאַנען פאַר אים. זי איז געווען דורכזיכטיק און דאָך האָט ער באַרגישט געזען. פאַר זיך האָט ער גאָר געזען, ווי דורך דעם געדיכטן גאָלדענעם נעפּל הויבט זיך צו אים אַ שטעקעלע, ווי אַ פאַרכישופטער שטראַל און דאָס שטעקעלע ציט ארויס פון זיין האַלז טענער, שאַרט אַראָפּ פון זיינע ליפּן אַ ניגון, וואָס ער האָט זי וואָכן-לאַנג אויף די רעפּעטיציעס געלערנט און פאַרגעסן. און איצט גריבלט דאָס שטעקעלע צוריק אַרויס פון זיין זכרון אי דעם ניגון אי די ווערטער...

און אַלטערל זינגט. נישט אַליין, נאָר מיט אַנדערע, גרעסערע און קלענערע יינגלעך. אַלע אין שוואַרצע, זיידענע קאַפּאָטקעלעך, אַלע אין סאַמעטענע יאַרמעלקעלעך; מיט ווייסע שאַליקלעך־טליתים אויף די אַקסלען. ער פילט זיך אַנדערש און געהויבן: ס׳איז נישט די וואָרע וועלט. אַלץ בלענדט און בליצט. ער פאָלגט, וואָס דאָס שטעקעלע באַפעלט.

און אַט זינגט אַלטערל אַליין. זיין קולכל גייט פאַרויס און נאָך אים שאַרט זיך דאָס שטעקעלע, ווי דאָס שטעקעלע וואָלט נאָכגעגאַנגען זיין טאַקט, און נאָך דעם שטעקעלע —

דער גאַנצער אָרקעסטער. מען גייט מיט מיט אים, מיט זיין יעדן טאָן, ווי מען וואָלט אים פון ביידע זייטן ציטערדיק אונ־טערגעהאַלטן, ער זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן פון שמאָלן גאָל־דענעם הענג־בריקל. און ער זינגט און דער כאָר באַגלייט...
און אַלץ ווערט אַזוי זיכער, אַזוי זיס און פעסט, אַז אָט, קען ער זיך שוין באַגיין אָן דער קאַפּעלע און אָן דעם כאָר, ער קען אַליין טאָן אַ שוועב, אויפהויבן זיך. ער פּרוּווט עס, גאָר דאָס שטעקעלע שטעלט זיך אין וועג און לאָזט נישט אַרויפ־רייסן זיך, אַוועקשוועבן, פאַרלויפן דעם וועג די קלעזמער.

און אָט ענדיקט ער. פאַר אים לאָזט זיך אַראָפּ די פאָר־האַנג. און דורך דער אַראָפּגעלאָזטער פאָרהאַנג הויבט ער אָן בעסער זען, דאָס בלענדעניש פאַר די אויגן פאַרשווינדט, אָבער די צעטומלעניש אין מוחל ווערט געדיכטער. פון יענער זייט אַראָפּגעלאָזטער וואַנט, הערט ער מען קלאַפּט, ווי די ווענט וואָלטן איינגעפאַלן... און אין דער זייט — כאַפּט מען אים אויף די הענט, מען פאַרשפּאַרט זיך מיט אים אין די צימער־לעך, מען קנייפּט אים אין די בעקלעך. אין אַלעמענס אויגן איז אָנגעצונדן אַזוי פיל פרייד. ער ווייסט, אַז דאָס רעדט מען פון אים... אַז דאָס לויבט מען אים. מען הויבט אויף דעם פאָרהאַנג און דער געגריוועטער שוסטער כאַפּט אים אַרויף אויף דער בינע און פון דער זייט שושקעט ער צו אים, ער זאָל זיך פאַרנייגן... נאָר אַלטערל שטייט ווי פאַרגאַפּט און פאַר־גליווערט.

———

אין יענעם אָוונט איז אָפּגעפּסקנט געוואָרן, אַז דער „שמעלקעלע״ וועט נאָך „פאַרקלינגען״ די וועלט.

דער דירעקטאָר האָט עס אַליין צוגעגעבן, וואָרים ער ווייסט שוין פון אַזאַ איינעם, וואָס זינגט פאַרן דייטשישן קיי־סער און נאָך איינעם, וואָס זינגט פאַר אַן אַ דערן קיסער.

און דער סופלאָר האָט צוגעגעבן:

— איצט מוז מען אים היטן, מען זאָל אים נישט אַמאָל

צוכאַפּן און אַפּשמדן. וואָרים ז י י קוקן נאָר אַרויס, אַז אַזעלכע חברה־לייטלעך זאָלן זיך באַווייזן. אַזעלכע זאַכן פּאַסירן...

און וואָס מער „דאָס פּינטעלע ייד״ איז געגאַנגען, אַלץ מער איז דער עולם געקומען הערן דאָס „זינגערל״ און דאָס זינגערל האָט אָנגעהויבן שם׳ען אין דער גאַנצער גרויסער שטאָט. חזנים האָבן זיך גענומען נאָכפּרעגן ווער און וואָס, און צוגעגעבן, אַז אַ שאָד אַזאַ מנגנדל זאָל אַריינפּאַלן צו אַרומשלעפּערס אין די הענט, אָבער גיי רעד, אַז מען ווייסט נישט ווער ער איז, און ווו אַ שטיקל משפּחה געפינט זיך, קאָן מען נישט דערגיין.

האָבן די חזנים געזוכט, געניישטערט ביז מען איז דערגאַנגען צום פּעטער יאַנטשע. דער פּעטער יאַנטשע איז געקומען מאַכן אַ תּכלית פונם „שנעק״, וואָרים מודיע געווען האָט מען אים, אַז עס לויערט אויף אים חלילה דאָס בייזע אויג פון שמד. נאָך דאָס פּעלט אים, עס זענען פאַראַן אין דער משפּחה מיידלעך שדוכים צו טאָן... אָבער ווען דער פּעטער יאַנטשע איז געקומען, האָט ער זיך דערוווסט, אַז דער יתום שטייט איין אין אַ הויז, וואָס צוצוקומען איז נאָר דורך לאָקייען, אַז עמיץ, אַ זייער רייכער, וואָס האָט נישט קיין קינדער, האָט אים צוגענומען צו זיך און וועט אים שיקן אין די קלאַסן. די מאַדאַם (מיט גרויע האָר און רויטע געקניפּטע פאַרבן אין פּנים, וואָס האָט נאָר גערעדט גויאיש) האָט דעם פּעטער זייער ליבלעך אויפגענומען, אפילו געהייסן, אַז די דינסט זאָל סערווירן גוטע זאַכן. דער פּעטער יאַנטשע האָט זיך אָפּגעזאָגט און געדאַנקט (אויך אויף גויאיש) און איינגעזען, אַז מען קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן, סיידן אַלטערלס פּאָטערס זאָל אַליין קומען נאָך אים. נאָר דאָס איז נישט געווען מעגלעך, ווייל יענער איז שוין פאַרטועט מיט אייגענע צרות און אייגענע קינדער, האָט ער אויפגעשטעלט דעם קאָלנער — אַ היים געפאָרן און געזאָגט צו זיין הויז־געזינט:

— און אפשר, וועט ער נאָך אַמאָל זיין אַ גרויסער גביר

* * *

מיט עטלעכע חדשים שפעטער האָט זיך אַלטערל אַליין נישט דערקענט. די שולע און די קאָנסערוואַטאָריע האָט אים אַרומגעהיבלעוועט און אַרויפגעצויגן אויף אים אַ נייע הויט. עס זענען נאָר דורכגעלאָפן ווי אַ ווייטער, בלייכער אָפּבליק שטיקלעך ליכט פון זיינע אַמאָליקע טעג. איצט איז ער אַרויף אויף אַ נייעם שליאַך, צו אַ נייעם, אומבאַקאַנטן סודות־פולן וועג. און דער וועג צייכנט זיך פאַר אים איצט נאָך ווי אין אַ נעפל, אָט אַזאַ, ווי בעת ער איז דאָס ערשטע מאָל געשטאַנען אויף דער בינע און געזוּנגען אין די פלאַמען אַריין, וואָס האָבן זיך געגאָסן אין זיינע אויגן. איצט איז ער אויפן וועג, נאָר דער וועג איז נישט גוט. דערווייל בינדן אים גאָלדענע שטריק. דאָס לשון, וואָס ער רעדט, קאָן ער נישט און פאַרשטייט נישט, כאָטש ער רעדט עס און פאַרשטייט עס. אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער געפינט זיך דאָ, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט רעדן און זינגען, שרייבן און פאַרשטיין די רייד, וואָס עס רעדן די מענטשן פון דעם הויז. נאָר דאָס הויז איז צו אים קאַלט און פרעמד, אומהיימלעך און בייז.

פון וואַנען איז ער דאָ אַהערגעקומען? דאָס ווייסט ער נישט און אפשר וועט ער זיך עס נישט דערוויסן. מען האָט אים דאָ איבערגעגעבן. אפשר דער דירעקטאָר און אפשר דער געגריוווערטער שוסטער. ער ווייסט עס נישט. ער איז זאַט, נאָר די זאַטקייט האָט קיין טעם נישט. ער גייט אַרויס פאַר דער טיר און ער זעט ברייטע, פריילעכע געפלאַסטערטע גאַסן, אָבער עס האָט נישט דעם טעם פון דעם קרומען געסל, ווו די בערזע איז געוועזן. ער וואָלט איצט געגאַנגען אַהין, ווייסט ער, אַז ער וועט נישט טרעפן, כאָטש ער וואָלט יאָ געטראָפן.

און אין האַלדז שטיקט דאָס ליד, וואָס ער האָט געזונגען פאַר די געזעלן און דינסט־מיידן ביי דעם „ייד" אין קיך. און עפּעס ווערט נאָנט דער קויש מיט געבעקס, וואָס ער האָט נאָכגעטראָגן דעם בעקער און ער בענקט נאָכן זשום פון די שלייף־שטיינערביים שפּיגל־מאַכער.

ער פילט, אַז צו דעם אַלעם וועט ער זיך נישט מער צוריקקערן, אפשר דאַמאָלט, ווען ער וועט שוין זיין אויף דעם נייעם וועג, ווו ער גייט און שפּאַנט. ער לערנט זיך פלייסיק אין שול און אין קאָנסערוואַטאָריע. אַט טאַנצן שוין זיכער זיינע פינגער אויף די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, עס לאָקט אים און עס שרעקט אים. ער ווייסט נישט, צי וועט ער דער־גיין, צי וועט ער דערגרייכן. און דערגיין און דערגרייכן וויל ער, וואָרום דורך דעם דערגרייכטן וועט ער צוריקקומען צו דעם פריערדיקן וועג.

אין קאָנסערוואַטאָריע איז האַלב ליכטיק. די פענצטער זע־נען גרויס און האַלב־קיילעכדיק. פון אונטער די נרינע שיינען לייכטן אָראָפּ גאָלדענע פייערן און פאַלן אויף די קליינע, הילצערנע שטענדערס מיט די נאָטן־בלעטער. עס איז קיינמאָל נישט שטיל: דאָ ברובירט מען, דאָ לערנט מען איין, און ער פאַרשטייט נישט, ווי איז דאָס מעגלעך פון אָט די אָפּגעהאַקטע שטיקלעך נגונים צונויפצושטוקעווען איין גאַנצע גרויסע זאַך. ער לערנט אויך. ער זינגט מיט. אַמאָל האָט ער שוין געקאָנט. אויף דער בינע האָט ער געזונגען, און דאָ לערנט מען אים, מען קוועטשט אַרויס איינמאָל און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ טאָן. אַ שטיקל געזאַנג. דאָס מאַטערט און פאַרמאַטערט אים. אָבער אַלטערל ווייסט, אַז ער איז שוין נישט אין זיינע הענט, אַז זיין צונאָמען, אַלטער, האָט מען אויך פון אים צוגענומען, אַז איצט הייסט ער יאַשעק. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ווייסט ער נישט. נאָר דער נאָמען, ווי אַלץ צוזאַמען איז אים דערך ווידער און ווייט.

און איינמאָל, אַ בלויזער צופאַל איז דאָס געווען, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ מונדיר מיט קנעפּ מיט אַ פרישער אויס־געגלייכטער הויט אויף די באַקן, איז ער אַוועק. אַוועק איבער די גאַסן, פון וואַנען ער איז געקומען. ער איז אַרויף אויף דער בערזע, אָב ר קיינעם נישט געטראָפן. איז ער אַוועק צום „ייד", פון וועמען ער איז שפּעטער אַנגעקומען צום בעקער. ער האָט אַלץ געטראָפן, ווי עס איז אַמאָל געווען, מען האָט

אים אויפגענומען גוט, נאָר מען האָט מורא געהאַט, אַז אַ פרעמדקייט האָט ער מיטגעבראַנגט מיט זיך. מען האָט אים מקנא געווען און יעדער האָט פאַראויסגעזאָגט זיין נביאות, אַז ער האָט דאָס פאַרויסגעזאָגט, אַז אַזוי וועט זיין מיט דעם „שלעפערל". ער האָט זיך אַלץ מער געפילט היימלעכער און נישט געוואָלט אַוועקגיין צוריק צו זיינע פרעמדע רייכע מענטשן, אָבער דער געגריוועטער שוסטער האָט אים אָפּגעפירט אַהיים און אויפן וועג געזאָגט:

— איצט גיי צוריק, דאָרט ביי דיינע רייכע וועסטו נישט בלייבן, וועסט אַמאָל צוריקקומען, אָבער איצט מוזטו גיין אויף דעם וועג, עס איז דיין מערכה און אַנדערש קאָן עס נישט זיין. שפּעטער וועסטו זיין מיט אונז און וועסט אונז צונויף קומען.

אַלטערל האָט זיך געפילט, ווי אַ גרויסער און דערוואַקסענער. ער האָט געבענקט נאָך פריינט און חברים. ער איז געגאַנגען געהויקערט און געבויגן און זיך געבעטן:

— ווער האָט מיך דאָרט אַהין געגעבן?

— עס איז דיר שלעכט?

— ניין, איך ווייס אָבער נישט צי עס איז מיר גוט.

— קיין אַנדער וועג איז נישט געווען פאַר דיר. וואָלסט פאַרפאַלן געוואָרן, וואָלסט געוואָרן אַ פּאַיאַץ, ווי מיר אַלע, מיטן דירעקטאָר אינאיינעם. מיר דאַרפן דיך האָבן. די געזעלן און די דינסט־מיידן, די בערזע און אַלע חברים. דערווייל קאָנען מיר דיר גאָרנישט געבן, סיידן דיך אַוועקשטעלן ביי אַ בעקער, געהרגעט זאָל עס ווערן, אָבער נעמען קאָנען מיר אַ סך, אַ סך פון דיר.

אַלטערל האָט געפילט, אָבער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט דער עקשנות פון אַ קינד, וואָס פאַרזוכט די קאַלטע וואַרימקייט פון אַ רייך הויז, נישט צוריקצוגיין. עס איז נישט זיין היים און נישט זיין טאַטע־מאַמע. קיין זאַך בינדט אים נישט און האַלט נישט געשפּאַנט, און ווען דער געגריוועטער שוסטער וואָלט אים נאָר געזאָגט איין וואָרט, וואָלט ער אים אין מיטן גאַס איבערגעלאָזט זיין מונ־

דירל און די קאָקאָרדע פון דער קאָנסערוואַטאָריע און מיטגע־גאַנגען מיט זיין גרויסן פריינט. אָבער דער געגריוועטער שוסטער האָט אים אָפּגעשלאָגן פון געדאַנק:

— וואָלט איך געהאַט אַ היים, וואָלסטו שוין אַ לייט געוואָרן ביי מיר און איך וואָלט דיך אויך געשיקט לערנען. אַזוי וואָס וועט ווערן? פאָלג מיך און גיי צו דיינע מענטשן. דורך דאָרט איז דער וועג צו אונז.

און צוגעגעבן האָט ער:

— ווי דו זעסט מיך לעבן.

אַלטערל איז געגאַנגען און געשוויגן. נישט פאַרשטאַנען. ער האָט מסכים געווען, אַז ער מוז, אַז דאָס גייט ער אויף אַ וועג, וואָס וועט אים דערפירן צו אַ נייעם, צו זיין וועג.

Free Public Library, Newark, N. J.